מיניאַטור־
ביבליאָטעק

ה. לייוויק

זאַמלבוך

מיניאטור־
ביבליאטעק

מיניאַטור־ביבליאָטעק 8-7

ה. לייוויק
זאמלבוך

צוזאמענגעשטעלט

פון

מ. וואלדמאן

תשכ״ד פאַריז 1964

אלוו. יידישער קולטור - קאָנגרעס אין פראנקרייך

« H. LEIVICK - ZAMLBOUKH »
(« HOMMAGE A LEIVICK »)

ה. לייוויק - זאמלבוך
— „מיניאטור - ביבליאטעק״
ביים „ קולטור - קאנגרעס „
אין פראנקרייך

« COULTOURE CONGRESS »
36, rue Amelot — PARIS (11e)

Imp. Abécé, 21, rue Juliette-Dodu, Paris-10e

אין אנדענק פון ה. לייוויק

דאָס ליכט, דאָס העלע, לויטערע ליכט וואָס לייוויק האָט געשפּרייט אַרום זיך זיין גאַנץ שעפעריש לעבן — איז געבליבן אויך נאָך אים, ווען דער דיכטער איז אַוועק אין דער אייביקייט.

און אַזוי גרויס ווי עס איז געווען דער צער, אַזוי גרויס איז די טרייסט — מיט זיין געשאַפענעם ווערק.

דווקא אין טעג פון שווערע נסיונות קאָן ה. לייוויקס ווערק זיין אַ ליכטיקער וועגווייזער. פירן צו דערהויבנקייט. אַזוי ווי דער דיכטער איז געגאַנגען — און דערגאַנגען — דורך אַלע ראַנגלעניש צו דערלייטערונג — אַזוי קאָן מען מיט זיין וואָרט דערגרייכן צו העכערע שטאַפּלען פון אייגענער דערלייטערונג.

וועט אונדזער יידישע וועלט מערער נאָך דערקענען און טיפער באַנעמען דעם דיכטער; וועט אויך די גרויסע וועלט נאָך דערקענען דעם דיכטער, און מיט זיין וואָרט — זוכן דעם וועג צו באַנייאונג פון גייסטיקער ווערטיקייט.

ווי אומעטום — וואוהין די טרויער־בשורה וועגן לייוויקס טויט האָט זיך צעטראָגן — איז אויך דער פראַנצויזישער ישוב אויפגעטרייסלט געוואָרן פון צער. איז מיט כבוד אָפּגעצייכנט געוואָרן זיין אָנדענק — אין די שלושים — אַ פולער חודש טרויער.

אין יענע טעג איז פאַרפלאַנט געוואָרן דאָס זאַמלבוך, וואָס איז געטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען. אין דער ערשטער — אָפּשאַצונגען וועגן ה. לייוויק, ווי אויך די רעדעס אויפן גרויסן טרויער־אָוונט אין פּאַריז, צו די שלושים. אין דער צווייטער אָפּטיילונג — פון ה. לייוויקס ירושה — ברענגען מיר אַ לידער־אָפּקלייב, שאַפונגען פון סאַמע אָנהייב ביז אין דער לעצטער צייט, ווי אויך צוויי רעדעס. איינע געהאַלטן אין ירושלים (1957), וואָס האָט געהאַט א ברייטן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט. די צווייטע רעדע, וואו מיר הערן לייוויקס גלויביק וואָרט וועגן גורל און דאָס שליחות פון ייד. שרייבער און ייד. לערער פון אונדזערע טעג.

מיט דעם זאַמלבוך ווילן מיר אויסדריקן אונדזער פאַרערונג צום אָנדענק פון ה. לייוויק.

מ. וו.

מענדל מאַן

ה. לייוויק

אויף דער טרויעריקער ווייסרוסישער ערד, אַרומגעגאַרטלטע פון פעלדער אומהיימלעכע, פון וועלדער זומפּיקע, באַוואוינטע פון פּויערים פאַר־אומערטע, וואו עס האָט תמיד געהויערט דער הונגער און דער פּחד פון פּאָגראָם, איז געקומען אויף דער וועלט ה. לייוויק — איינער פון די גרעסטע יידישע דיכטער אין אונדזער דור.

אין איהומען, נישט ווייט פון מינסק, אין יאָר 1888, אין אַ קליין יידיש שטעטעלע איז זיין וויג געשטאַנען. אין אָרעמקייט, הונגער, ביי אַ פאָטער וואָס איז געווען אַ מלמד, אַן אייביק בייזן און אומצופרידענעם, ביי אַ מוטער, וואָס פלעגט אין האַלבער נאַכט אויפשטיין און באַקן ברויט און דערנאָך פאַרקויפן דאָס געבעקס אין אַ ביידל אויפן איהומענער מאַרק, אין אַ שטיבל „די גרויס פון פיר איילן".

„פיר וועגט מיט צעפליקטע שויבן
אַ בעקעקרשער אויוון פאַרשטויבט ווי אַ מיל
און שטראַלן פון דער זון ווי גאָלדענע טויבן
פלעגן טאַנצן אינדערפרי אויפן ערדענעם דיל".

אַזוי באַשרייבט ה. לייוויק אין זיינע ערשטע לידער זיין היים: ניין נפשות האָבן געלעבט אין דעם שטיבל פון פיר איילן.

און עס האָט אויפגעטויכט אין מיר צו־שאַרף און צו־פרי
מיין ערשטע אָנונג פון באַליידיקטער שיינקייט״ —

די דאָזיקע אָנונג פון „באַליידיקטער שיינקייט״ איז דער גרויסער נס, ממש אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַר יעדן פון אונדז ביזן היינטיקן טאָג.

פון וואַנען האָבן זיך גענומען די שאַרפע אָנונגען אַז וועלט־שיינקייט ווערט באַליידיקט?

✶

...די געפילן פון דער וועלטס גרויסקייט און וועלטס שיינקייט האָבן אָנגעהויבן אויפצוגיין ביי יעדן יידישן קינד, וואָס האָט אָנגעהויבן לער־נען חומש.

די טונקעלע וועלדער, די אומהיימלעך־לויערנדיקע פון ווייסרוסלאַנד זענען נעלם געוואָרן. די פעלדער מיט די אייביק־בלאָטיקע וועגן און שטעגן זענען באַגאָסן געוואָרן מיט אַ מזרח־ליכט. די שווערע וואָלקנס אויפן האָ־ריזאָנט, וואָס האָבן אָנגעזאָגט שטורעמס און געוויטערס, זענען מיט איינ־מאָל פאַר די דאָזיקע חדר־קינדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די הרי־יהודה, וואָס טרויערן אויפן חורבן ירושלים. אין די נישט־יקסטע פעלד־פלאַנצן האָבן זיי דערקענט די גרויסע ווייַנגערטנער פון שרון און יעדעס שטיי־ענדיקע טייכל איז אין זייערע אויגן אויסגעוואַקסן צום וואונדערלעכן ירדן. יידישע קינדער האָבן זיך געזען ווי יורשים פון אַ יידיש קעניגרייך. זיי האָבן נאָכגעזאָגט די רייד פון די נביאים און מיטגעזונגען דאָס געזאַנג פון שיר השירים.

דער טונקעלער ווייסרוסיטער פייזאַזש מיט די פאַרצאָרנטע בליקן פון די פויערים איז דורך די דאָזיקע זעאונגען פון די חומש־יינגלעך אויסגע־לייטערט געוואָרן און עס האָט דערוואַכט דאָס געפיל פון שטאָלצקייט, פון שיינקייט און פון פרייד צו זיין אַ ייד.

★

...ה. לייוויקס גרויסקייט באַשטייט אין דער אומגעווייַנטלעכער עכט־קייט פון זיין יצירה, וואָס האָט ממש נישט קיין גלייכן אין אונדזער לי־טעראַטור. ער אַנטפּלעקט זיין היים אַן שום געפיל פון וועלן כאַטש טייל־ווייז פאַרדעקן דעם צער, די פאַרביטערונג, די אומהיימלעכקייט און דעם הונגער. די פאָטער־געשטאַלט אין לייוויקס לידער, אָט־אָ דער ייד מיט

דער רויטער באָרד, דער כעסן, וואָס אויף זיין פּנים באַווייזט זיך אַפילו נישט קיין שמייכל, איז איינע פון די טראַגישסטע פאָטער־געשטאַלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. ער איז טיפער און פיל מענטשלעכער ווי די פאָטער־געשטאַלט פון פראָגער ייד, פראַנץ קאַפקאַ. לייוויקס מוטער רופט זיך איבער מיט דער מוטער פון חיים גראַדע, וואָס איז אַזוי באַזונגען געוואָרן אין גראַדעס ווערק.

די אמתדיקייט און עכטקייט אין לייוויקס דיכטונג. די וואונדיקע אָפנקייט, די ליידנשאַפט צו אַנטפלעקן זיך דורך אַן אומבאַרחמנותדיקן אמת. דאָס נישט לאָזן פאַרפירן זיך פון עסטעטישע שיינקייטן און אַ שפּראַך־געצנדינערײַ, כדי צו „באַצירן" זײַנע לידער און זיי מאַכן כלומרשט „מאָדערן", דורך דעם איז ער דערגאַנגען דירעקט צום לייענער מיט אַ ווייטיקדיקער שאַרפקייט. און נישט איינעם פון אונדז איז אויסגעקומען צו שפּירן פיזיש זײַנע לידער אַזוי שטאַרק, אַזוי שאַרף, ווי דער טיפער שניט פון אַ מעסער ביזן ביין, אַזוי ווי עס האָט דאָס אָפּגעפילט לייוויק.

★

דאָס איז גרויסקייט, אַ באַהויכטע מיטן אָרעאָל פון אַ משיחיש־נביאישן גייסט.

אין איינע פון לייוויקס ערשטע שאַפונגען, „די קייטן פון משיח" געשריבן אין יאָר 1907, איז ער באַהערשט פון דעם קייטן־געקלאַנג, וואָס אויך משיח איז אין זיי פאַרקאָוועט. דאָ זעט מען בולט די פאַרבינדונג, וואָס עס האָט געהאַט פאַר אים דער משיח־געדאַנק מיט פאָלק־דערלייזונג, מענטש־אויסלייזונג און „אייביקער חלום", וואָס באַדייט — שיינקייט, דיכטונג.

„אין ווייטיק פון ירושלימס חורבן
אין פייער און רויך,
געבוירן געוואָרן איז ער
צו זיין פאָר ישראל
אַן אייביקער חלום" —

דער „ווייטאָג פון ירושלימס חורבן" פילט מען אין אַלע ווערק, וואָס עס האָט געשאַפן ה. לייוויק. עס מיינט נישט נאָר דער צער פון חורבן ירושלים, נאָר דער ווייטיק וואָס די זיילן פון דער וועלט זענען צעטרייסלט געוואָרן מיטן חורבן ירושלים, וואָרעם חורבן ירושלים איז אויך גע־

שען אין אונדזער דור מיט דער פאַרטיליקונג פון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנ־טום. חורבן ירושלים האָט פאַר לייוויקן באַדייט דער פּאָגראָם אין אַ קליין ווייסרוסיש שטעטל אין די „פינפער יאָרן". חורבן ירושלים איז געווען פאַר אים דאָס געוויין פון אַ זויג־קינד ביי דער אויסגעטריקנטער ברוסט פון דער מאַמען און איר פּנים, וואָס איז פון צער און ליידן אַזוי ענלעך געווען צו די פּנימער פון די מאַמעס פון ירושלים, וואָס האָבן געזען ווי ירושלים ווערט פאַרוויסט.

דער זעלביקער מאָטיוו חזרט זיך איבער. די אינערלעכע וועלט פון דיכטער פלעכט זיך צונויף מיט דער אייביקייט־געשיכטע פון פאָלק ישראל.

„ייִדן גייען דורכן מדבר —
סיי אין חלום סיי אין וואָר,
שוין אַזוי דריי טויזנט יאָר.
ייִדן גייען פון מצרים
און אויך איך — גיי מיט זיי
מיט די שבטים אין איין ריי."

דער דאָזיקער גאַנג, דער דריי־טויזנט־יאָריקער, דורך אַ מדבר צוזאַ־מען מיט אַלע שבטים, האָט פאַרוואַנדלט לייוויקן אין אַ דיכטער פון נביאה, פון סאָציאַלן פּאַטאָס, וואָס זיין יניקה האָט ער געשעפּט נישט פון אַ באַ־גרענעצטע פאָלקס־שיכט מיט איר פאָלקלאָרישן פלאַך, נישט ווי אַ באַזינ־גער פון אַ רעוואָלט־עפּאָכע, פון אַ פאַרזיגלטן קלאַס, פון אַ באַליידיקטן פאָלק ערגעץ אין צאַרישן ווייסרוסלאַנד — נאָר פון דער אייביקייט און פון דער אַלמענטשלעכער גרויסקייט, וואָס ער האָט דערזען אין דעם גיין דורכן מדבר אין חלום און אין וואָר, וואָס האַלט נאָך אָן עד היום.

מדבר מיינט נישט נאָר דער מדבר סיני — דאָס מיינט דער מדבר פון אַ ציוויליזאַציע, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך מענטשן־מאָרד און פעל־קער־פאַרטיליקונג. דער גאַנג דורך דעם מדבר פון דער וועלט־געשיכטע האָט זיך נאָך נישט געענדיקט כל זמן ערגעץ־וואו אין ווייטסטן ווינקל פון דער וועלט, געפינט זיך אַפילו איין מענטש, וואָס ווערט געפּייניקט און געשענדט.

★

איך האָב געזען ה. לייוויקן דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1951. ער איז געשטאַנען אין גרויסן זאַל פון „אהל", אין תל־אביב, אויף דער בינע און

געלייענט זיין רעדע. דער ווייסער שיין פון זיין קאָפּ, דאָס וויברירנדיקע קול ווי דער נאָכקלאַנג פון אַ האַרפע, ווי דער מיסטישער טאָן פון כהן־גדולס ניגון, וואָס קומט פון די ווייטענישן פון די קדשי קדשים, האָט אונדז אַלעמען אויפגערודערט. און טאָקע דאָ אין ישראל, נאָכן דריטן יאָר ווי עס איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל, האָט לייוויק אויסגערופן בעת זיין רעדע: די גאולה פון יידישן פאָלק וועט ערשט דעמאָלט קומען, ווען אין דער וועלט וועט נישט זיין קיין איין ייד, וואָס זאָל ליידן און ווערן געשענדט.

✶

עס איז פאַרשטומט געוואָרן דאָס געלייטערטסטע און געהייליקטסטע קול פון אַ יידישן משורר.

עס איז אַוועק דער, וואָס האָט דערהויבן די יידישע דיכטונג פון אונדזער צייט צו דעם היכל פון יידישער אייביקייט.

זיינע לידער זענען די תפילות פון אַ פאָלק אויסגעזונגענע אין קייטן־געקלאַנג אויף שניי סיבירער און אין מדבר ביים גערANGל צו באַנייען דאָס פאָלק ישראל.

ער האָט געהערט די טריט פון משיחן און מיט צאַרנדיקע און בעטנדיקע לידער געמאָנט און גערופן, אַז מיר זאָלן עפענען פאַר דער דערלייזונג די פאַרזיגלטע טויערן.

דער דיכטער איז פאַרשטומט געוואָרן פון צער און געפאַלן אויף די גלייכגילטיקע שטיינערנע שוועלן. ער איז געלעגן יאָרן־לאַנג אַ געשמידטער פון ליידן, ביז עס האָבן זיך געעפנט פאַר אים די שערי־רחמים.

מיר האָבן געהערט זיין געוויין דורך די נעכט.
איצט איז ער מער נישטאָ צווישן אונדז.

אין טאָג פון זיין אַוועקגיין איז פאַרלאָשן געוואָרן דער אָרעאָל פון קדושה איבער דער געפייניקטער יידישער ליטעראַטור.

ווער וועט דאָס דאָזיקע ליכט פון קדושה ווידער אָנצינדן ?

אַ פאַראייניזאַמטער, פון דערווייטנס, שטיי איך אַ געבויגענער ביי זיין קבר.

ל. דאָמאַנקעוויטש

די איינגעשפּאַרטקייט פון ה. לייוויקס טעמאַטיק

מיט לייוויקן האָט עס אויסגעזען אַז מער ווי ער גייט נאָך די צייט לויפט די צייט אים נאָך, זי באַווייזט אַפילו קוים אים צו דערגרייכן.

דער „גולם" איז שנעל געוואָרן די רעוועלאַציע פון דור. עס האָט אויסגעזען ווי אַלע דראַמאַטישע קאָנפליקטן פון אונדזער צייט זענען שוין געווען געאַנט און אַרויסגעבערענגט אין די דראַמאַטישע דיאַלאָגן פון „גולם". פונדעסטוועגן איז אפשר נאָך „דער גולם" נישט געווען דער באַוואוסטזיניקער פאַרמעסט אַרויסצוברענגען די סכנות פון דער קאָמוניסטישער רעוואָלוציע. די געפאַר, ווען ברוטאַלער כוח פאַרנעמט דאָס אָרט פון אייניציקן גואל איז דאָך נאָך לייוויק נאָכגעגאַנגען די טריט פון דער רעוואָלוציע מיט צו־טרוי, אפשר מיט חשד, מיט פאָרזיכט, אָבער פאָרט נאָכגעגאַנגען.

אָבער „דער גולם" איז שוין זיכער געווען דער אומבאַוואוסטזיניקער אינ־טואיטיווער פּרוּוו צו געבן דעם ליידן־ און גאולה־מאָטיוו, אין אַלע זיינע עקסטרעמסטע אויסדרוקן: אין מהר'לס חלום און אין גולמס האַק.

אין דער אמתן איז ה. לייוויק געווען באַשטימט פון זיין נאַטור גופא דורך אַ פאַרפיינטער סענסיוויטעט, דורך אַ טיפע עטישקייט פון געדאַנק, דורך דער קלאָרקייט פון זיין מחשבה, קרעפטיקייט פון וואָרט און כולל־דיקייט פון זיין סימבאָליק צו ווערן דער קינסטלערישער אויסדריקער פון דער יידישער געפילן און געדאַנקן־וועלט אין אַ הרת־עולמדיקער תקופה.

מיר ווייסן אַז שוין גאָר פרי, גאַנץ יונג האָט ער גענומען אַ רעוואָל־טירנדיקע שטעלונג כלפּי דעם שלעכטן גאַנג פון סדר העולם. ווען אָט די שטעלונג־נעמונג האָט אים געפירט צו די קייטן פון סיביר, האָט זיך זיין רעוואָלטירנדיק געמיט אויסגעברייטערט צו די אומענדלעכע מאָסן פון די סיבירער האָריזאָנטן, צו אירע גרענעצלאָזע ווייטקייטן און די אָנסופיקע פּיי־נען אוןליידן וואָס מענטשן פאַרשאַפן מענטשן.

אויך דער אָביעקט און דער אינסטרומענט פון רעוואָלט האָבן זיך אויס־געברייטערט, זיך פאַרגייסטיקט. די פּאָעזיע און די דראַמע זענען געוואָרן די אינסטרומענטן וואָס האָבן זיך איצט געפּאַסט צום בעסטן צום רעוואָל־טירטן געמיט, דער אָביעקט פון זיין פּאָעזיע איז אויסגעברייטערט געוואָרן צום גאַנצן מענטש.

מזבח, עקדה קרבן, גאולה, גואל, ווערן זיינע נאָענטסטע אינטימסטע טעמעס. זיינע באַליבסטע און אָפּטסטע אויסדרוקן. זיין פּראָבלעמאַטיק זיין טעמאַטיק ווערט אַן איינגעשפּאַרטע. ער טראָגט די משא פון זיין טעמאַטיק מיט דער עקשנות פון מאַניאַקן, פון גרוי־סע אינספּירירטע, פון מענטשן מיט מיסיעס, מיט שליחותן, וואָס זיי טראָגן מיט זיך תמיד מיט, זענען דערמיט אויסגעפילט און זוכן זייערע וועגן און מיטלען צו קומען מיט זייער התגלותן. אָבער ווען די התגלותן באַקו־מען זייער אויסדרוק אין פּאָעזיע, אין אַן אינדיווידועלער פּערזענלעך־איי־גענער געפילס־וועלט און דאָס עטיש־פּאָעטישע געוויסן פּלאָנטערט איבער דער פּראָבלעמאַטיק, מערן זיך די ספקות, די סתירות, די מרידות.

עס אַנטשטייט די פראַגע פון אַלע פראַגעס:

זענען די מענטשן געטיילט אין אונטערדריקער און אונטערדריקטע, אָדער בייטן זיך די ראָלן? דער נעכטיקער אונטערדריקטער ווערט מאָרגן אַן אונטערדריקער ווי נאָר די קייטן ווערן אויף אים צעריסן? און אפשר זענען מיר גאָר אַלע, דער מענטש בכלל, אַ שפּיל אין די הענט פון שטן? און דער שטן אַליין און ווי הויבט זיך אָן זיין ממשלה און ווי ענדיקט זי זיך און עס הויבט זיך אָן די ממשלה פון גאָט?

ביי לייוויקן זענען די אַלע דראַמאַטישע אינערלעכע קאָנפליקטן, נישט אייביקע, לעסטיקע. קענען וועמען מורד זיין, קענען וועמען אויפהייבן דעם רע וואָלט, אַז דער טייוול זיצט אין דיר גופא.

די אַלע ספקות, מרידות און רעוואָלטן קעגן די מרידות האָבן שוין געשטעקט אין זיין ערשטער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם" אָבער ערשט אין די טעג פון „איוב", די לעצטע דראַמאַטישע שאַפונג פון זיין לעבן, זאַמלט לייוויק צונויף אַלע כוחות פון אַלע דורות פון מרידה קעגן אַלע קרעפטן פון בייז, אָפּשאַפנדיק אַלע מחיצות פון צייט און אָרט, אָבער שוין אליהו הנביא פון דער „חתונה פון פערנוואַלד" דער דניאל פון קאָנצענטראַציע-לאַגער אין „מהר"ם פון ראָטענבערג און אַלע בעלי עקדה און בעלי טענה פון אַלע זיינע דראַמעס פון נאָכן „גולם" זענען שוין געווען אָנגעצייכנט און אינטיאוטיוו געאַנט אין זיין ערשטער דראַמע פון יאָר 1920, „דער גולם".

דאָס יידישע אומגליק, דער חורבן האָט נאָך געמאַכט זיין טעמאַטיק איינגעשפּאַרטער, זיין פּראָבלעמאַטיק קאָנסעקווענטער, זיין פּאָעטישן יאָך שווערער. אָפּט ווערט אים קלאָר, אַז די טראַגיק וואַקסט ווייט אַריבער דעם וואָרט בכלל, און אַלע טראַגיש־מענטשלעכע קאָנפליקטן ווערן אַ פּערזענלעכער קאָנפליקט. קאָנפליקט צווישן די אומפּראָפּאָרץ פון אויסדרוק לגבי דער טראַגעדיע פון מענטש.

פיל פון זיינע לידער דריקן אויס דאָס דאָזיקע געפיל. ער הויבט דעמאָלט אָן מוותר זיין אויף דער פּערפעקציע פון זיין פּאָעזיע לטובת דעם ערנסט פון תוך.

ה. לייוויק ווערט אַלץ מערער דער גרויסער ערנסט פון דער יידישער פּאָעזיע. אין יעדן פּערז פון זיין דיכטונג, אין יעדן רעפּליק פון זיין דראַמאַטישן דיאַלאָג באַהאַלט ער אַריין די הויפּט־רמזים פון זיין טעמאַטיק.

אָבער ווען מען נעמט די טראַגעדיע פון יידישן מענטש פון איצטיקע צייטן, די מענטשלעכע טראַגישע קאָנפליקטן בכלל, און די פּרוּאוון, ראַנגלענישן און לייזונגען פון גאולה, ווען מען נעמט זיי אַזוי ביים גאָרגל ווי לייוויק האָט זיי גענומען אין אַלע זיינע דראַמעס, אינזיין גאַנצער פּאָעזיע און ווען זי ווערט נאָך עקשנותדיק באַגלייט פון שולד־געפיל פאַר נישט זיין געווען אין טרעמבלינקע", ווערט דאָס מעכטיקע וואָרט — אוממעכטיק, דער לבוש פון אויסדרוק פאַסט זיך מער נישט צו גרוילעכקייט, צו דער שטעלונג וואָס דער בעל הרגשה וואָלט באַדאַרפט נעמען.

ל. לענעמאַן

אַ וואָרט פון צער

פאַריתומטע, פאַראָבלטע, פאַראָרעמטע זענען מיר זיך צונויפגעקומען כדי צוזאַמען צו טרויערן איבערן אַוועקגיין פון אונדז — פון דעם גרויסן אפשר דעם גרעסטן, יידישן דיכטער. פאַראייניקט אין טיפן צער, פאַר־אייניקט אין העכסטער אָנערקענונג און באַוואונדערונג פאַר לייוויקן דעם מענטש, האָבן מיר באַשלאָסן געמיינזאַם צו מאַניפעסטירן אונדזער ווייטיק און טרויער, געמיינזאַם אַרויסצוברענגען און דערמאָנען אייניקע שטריכן פון זיין ליכטיקער געשטאַלט, געמיינזאַם פרואוון עטוואָס נהנה צו זיין פון זיין ירושה.

פאָלגנדיקע אַכט יידישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זענען טעטיק אויפן געביט פון יידישער קולטור־אַרבעט אין פאַריז, האָבן אויף דער איני־ציאַטיוו פון פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן צו די שלו־שים זיך צונויפגערעדט און איינגעאָרדנט צוזאַמען די היינטיקע טרויער־אַקאַדעמיע. דאָס זענען: „אַרבעטער־היים", „אַרבעטער־רינג", וועלט־קאָנ־גרעס, פען־קלוב, קולטור־קאָנגרעס, פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן קהלה, פאַרבאַנד פון מאָלער און סקולפטאָרן. די פאָרשטייער פון די אַלע אָרגאַניזאַציעס געפינען זיך דאָ, ביים פרעזידיום־טיש.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדע אָרגאַניזאַציע וואָלט וועלן, אַז אירס אַ פאַר־

שטייער זאָל נעמען אַ וואָרט, כדי זיך צו באַטייליקן און אָפּגעבן כבוד דעם אָנדענק פון ה.לייוויק ז״ל. אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך און מיר האָבן געמוזט באַגרענעצן די צאָל הספדים און אָפּשאַצונגען, כדי עס זאָל נאָך בלייבן אַ ביסל צייט צו קאָנען לייענען פון לייוויקס ווערק. אַלס פאָר־זיצער וועל איך זיך באַמיען צוצוזען, אַז מיר זאָלן אויספירן דעם פּראָגראַם און דעריבער וועל איך נישט פאָרשטעלן די רעדנער און נישט די חשובע געסט, וואָס זענען היינט מיט אונז. אונזער מאַניפעסטאַציע דאַרף אדורך אין שטילן יראת הכבוד פאַרן גייסט פון גרויסן דיכטער און מען וואָלט זיך געדאַרפט אָפּהאַלטן פון אַפּלאָדירן די רעדנער. צווישן איין רע־דע און דער אַנדערער וועלן: דער רעזשיסער יוסף שיין און דערנאָך דריי יוגנטלעכע פאָרלייענען לייוויקס שאַפונגען. אַ דאַנק דעם גלענצענדיקן פּאָרטרעט, וואָס בען האָט געמאַכט פון לייוויקן בעת זיין לעצטן באַזוך אין אין פּאַריז און וועלכן דער קינסטלער האָט אונז היינט געבראַכט און ער הענגט דאָ איבערן פּרעזידיום־טיש, האָבן מיר אַלע די מעגלעכקייט צו זען פאַר זיך לייוויקס אומפאַרגעסלעכע פּנים־שטיכן. מיר וועלן היינט אויך קאָנען הערן לייוויקס שטים וואָס דער דיכטער א. טאַבאַטשניק האָט אויפ־גענומען אויף אַ מאַגנעטישער לענטע, פאַר זיין אַנטאָלאָגיע „די שטים פון יידישן דיכטער״.

נאָך איידער עס באַקומט דאָס וואָרט דער ערשטער רעדנער, בעט איך אייך אַלע אויפצושטיין און אַ מינוט שטילשווייגן זיך אין געדאַנק מת־יחד צו זיין מיטן גייסט פון ה. לייוויק ז״ל.



ה. לייוויק אין דער תפיסה „בוטירקי",
מאָסקווע, 1910 — אַ געשמידטער אין קייטן.

מיט יידישע שרייבער אין ניו־יאָרק, 1913.
פון רעכטס צו לינקס (זיצנדיק): משה לייב האַלפּערן, אברהם רייזען, מנחם באָריישאָ, שטייענדיק: אַ. ראַבאָי, ראובן אייזלאַנד, זישע לאַנדוי, ז. מאוד (אַ מאָלער), ה. לייוויק, און א. מ. דילאָן:

פ. שראַגער

אין גערַאנגל מיטן פּיין און עלנט פון דער וועלט

(רעפעראַט)

איינגעהילט אין טיפן טרויער, פאַרזאַמלט זיך היינט דאָס יידישע פּאַריז צו באַערן דעם אָנדענק פון ה. לייוויק.

באַערן דעם אָנדענק איז קודם־כל זיך באַקענען מיט דעם וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט דער נפטר.

זיכער, איז נאָך נישט געקומען די צייט. די וואונד איז נאָך נישט פאַרהיילט. כדי ס'זאָל מעגלעך זיין אַנאַליזין אַלזייטיק דעם גרויסן דיכטער, דעם ראש־המדברים פון דער יידישער קולטור־וועלט, פון דעם דענקענדיקן און פילנדיקן טייל פון יידישן פאָלק. מיר קענען דערווייל בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן אַרויסזאָגן וואָס עס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט ה. לייוויק פאַר דער יידישער קולטור־וועלט.

★

לייוויק איז געבוירן געוואָרן אין סוף פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אויף דער ווייסרוסישער ערד.

דאָס זענען געווען יאָרן, ווען דאָס אייז פון יידישן געטאָ האָט געגומען צוזאַמענברעכן. אין די פאַרוואָרפנסטע שטעטלעך פונעם „תחום-המושב", אין די שטעט מיט גרעסערע יידישע ישובים. אומעטום, אומעטום האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע און פרישע ווינטן. די השׂכּלה האָט איבערגע־

לאָזט טיפע שפּורן, אָבער די יידישע מאַסן האָבן מער נישט געקאָנט, האָבן מער נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן אויף דער השכלה. די פּראָגראַמען פון די אַכציקער יאָרן, די אַלץ מער שטייגנדיקע כוואַליע פון רעוואָלט פון דער באַוואוסטזיניקער רוסישער אינטעליגענץ און פון דער עליטע פונעם אַרבעטער־קלאַס, האָבן אויך אָנגעשטעקט דאָס יידישע לעבן. אַלץ מער און מער שטאַרקט זיך ביי די פאַרפאָלגטע פאַרפּייניקטע יידישע מאַסן דער ווילן צו טיפער ענדערונג, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער. עס אַנטשטייט דאַן ביל״ו (״בית יעקב לכו ונלכו״). די פאָרגייער און פּיאָנערן פון ציוניזם. עס ווערט באַשאַפן דער „אָרט״, די גרויסע באַוועגונג פאַר יידישער פּראָדוקטיוויזאַציע; עס אַנטשטייען די ערשטע קרייזלעך פון יידישע אַרבעטער וואָס פאַרזאַמלען זיך אין וואַלד און טראַכטן, ווי אַזוי בעסער צו פאַרטיידיקן סיי זייערע מאַטעריעלע אינטערעסן און סיי זייער נאַציאָנאַלע ווירדע; עס ברעכט אויס דאָ און דאָרט אַ שטרייק פון יידישע אַרבעטער: די פאַרגליווערטע יידישע גאַס דערהערט מיטאַמאָל אַ נייע שטים, אַ נייעם ניגון.

די יידישע שפּראַך, וואָס איז נאָך ביז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פּשוטער זשאַרגאָן, הויבט אָן אַנצונעמען מער און מער פאָרמען פון אַ ליטעראַרישער שפּראַך. עס הויבן אָן זיך צו באַווייזן באַדייטנדיקע ליטעראַרישע ווערק אין יידיש; דער יידישער פאָלקס־מענטש דערפילט מיטאַמאָל, אַז ער האָט באַקומען אַ לשון. נישט אומזיסט האָט אַ באַקאַנטע אַרבעטער ליד געיאָמערט:

„איך אַרבעטער ווער אָן לשון געבוירן —
און שטאַרב מיר אַוועק אָן אַ שפּראַך.״

די יידישע שפּראַך הויבט אָן צו באַקומען אָנזען און חשיבות.

נאַציאָנאַלע שטרעמונגען געפּאָרט מיט סאָציאַלער אויפוואַכונג כאַראַקטעריזירן די יאָרן, אין וועלכע לייוויק וואַקסט אויף.

עס אַנטשטייען דאַן, אין יאָר 1897, סיי דער „בונד״, סיי דער פּאָליטישער ציוניזם. אויף דער יידישער גאַס מערן זיך די פאַרשידענע פּאָליטישע גרופּירונגען. זיי אַלע, אָן אונטערשיד, זענען אין גרונט געצוימען דער סימן מובהק פון דער טיפער ענדערונג וואָס הויבט אָן אַריינטרעטן אין יידישן לעבן.

די קינדהייט און די ערשטע יוגנט־יאָרן פון ה. לייוויק זענען געווען די זעלבע פונעם דעמאָלטיקן יידישן מענטש. געבוירן אין אַ קליין שטעטל, אין אַן אָרעמער שטוב, דורכגעמאַכט די קינדער־יאָרן אין אָרעמקייט און דחקות, — גייט ער שפּעטער איבער אין אַ גרעסערער שטאָט, כדי זיך צו לערנען אין אַ ישיבה. ער „עסט טעג", לערנט גמרא, גרייט זיך צו ווערן אַ רב. אָבער זיין אומרואיקע און זוכערישע נאַטור קאָן זיך לאַנג נישט האַלטן ביי די טרוקענע גמרה־בלעטער. דער העראָאישער אַקט פון הירש לעקערט אין 1902 מאַכט אויף אים אַ גרויסן רושם. צום ערשטן מאָל וואַגט אַ יידישער אַרבעטס־מענטש צו פאַרטיידיקן די מענטשלעכע ווירדע. דער אָפּקלאַנג פונעם דאָזיקן אַקט דרינגט אַדורך די פאַרמאַכטע טירן און פענצטער פון די ישיבות. לייוויק הויבט אָן צו צווייפלען. ער לייענט שטילערהייט „אהבת ציון" פון מאַפּו. צו זעכצן יאָר ווערט ער אַן אַפּיקורוס. שרייבט צוערשט העברעאישע שירים און שפּעטער — יידישע.

ער באַניגנט זיך אָבער נישט מיט דער דאָזיקער ערשטער ליטעראַרישער שאַפונג. ער הויבט אָן זיך צו באַטייליקן אין אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, ווערט טעטיק אין „בונד", באַטייליקט זיך אַלס דעלעגאַט אין דער מינסקער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון „בונד" און פאַלט אַריין אין 1906 אין טורמע. נאָך דעם, ווי ער זיצט אָפּ צוויי יאָר ביזן אורטייל, ווערט ער פאַרמשפּט אויף פיר יאָר קאַטאָרגע און, שפּעטער, אויף אייביקע פאַרשיקונג אין סיביר.

די טורמע, ווי אויך זיינע פריערדיקע איבערלעבונגען פון די קינדער־יאָרן, לאָזן איבער טיפע שפּורן אין לייוויקס נשמה.

פופציק יאָר שפּעטער וועט ער אויפן אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים, אין 1957, דערמאָנען פיר טיפע איבערלעבונגען פון זיינע קינדער־יאָרן און אונטערשטרייכן וואָס פאַר אַ טיפע ווירקונג זיי האָבן געהאַט אויף זיין פילן און דענקען: —

ער איז נאָך קוים אַלט געווען זיבן יאָר. עס איז געווען אַ ליכטיקער זוניקער ווינטער טאָג, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּוילישן קאָשטשאָל — און עס איז צוגעשפּרונגען צו אים אַ הויכער, פעסטער פּאָלאַק, אַראָפּגעריסן דאָס היטל פון קאָפּ, אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט און אַ וואָרף צו דער פראָסטיקער ערד, שרייענדיק „זשיד, מ'דאַרף אַרונטערנעמען דאָס היטל".

שפּעטער זיצט ער אין חדר און לערנט די פּרשה פון יצחקס עקדה. — ער זעט אין זיין קינדערישער פאַנטאַזיע ליגן געבונדן דעם קליי־נעם יצחק אויפן מזבח און אָט־אָט ווערט ער געשאָכטן. און מיטאַמאָל דער־הערט זיך די שטים פון מלאך, וואָס ראַטעוועט דעם אָרעמען יצחק. און אַ ביטערער געדאַנק מאַטערט אים פון דעמאָלט אָן: „וואָס וואָלט געווען, ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט? — און דער רבי טרייסט אים: „אַ מלאך פאַרשפּעטיקט קיינמאָל נישט”.

און איינמאָל דערוויסט ער זיך, אַז אין איינעם פון די צימערן פון דעם פריץ׳ס פּאַלאַץ זיצט פאַרשלאָסן הינטער גראַטעס דער משוגענער זון פון פריץ — און עס פאַרווילט זיך אים, דעם קליינעם לייוויק, צו זען אָט דעם דאָזיקן מענטש הינטער די גראַטעס. ער גנב׳עט זיך צו צום פענ־צטער פונעם צימערל, אין וועלכן עס זיצט דער געפאַנגענער און ער קוקט און קוקט אויפן בילד פון אַ מענטש, אַן אָפּגעשלאָסענעם פון דער אַרומי־קער וועלט;

און קוקנדיק אַזוי, פאַרווילט זיך אים מיט עפּעס פאַרוויילן דעם אָרע־מען פאַרשפּאַרטן מענטש: ער לייגט צו זיין צונג צו דער פאַרפרוירע־נער גראַטע. די צונג פרירט צו; ער רייסט זי קוים אָפּ, זי הויבט אָן בלו־טיקן און ער פאַרזוכט דאַן דעם טעם פון דעם אייגענעם הייסן בלוט.

ווי געזאָגט האָט אים די דאָזיקע באַמערקונג פון די קינדער־יאָרן פאַר־פאָלגט אַ לעבן לאַנג.

אויך די איבערלעבונגען פון דער טורמע און פון סיביר לאָזן איבער טיפע אומפאַרגעסלעכע שפּורן אין זיין פיין־פילנדיקער נשמה: —

פון איין זייט — מענטשלעכע ליידן, יסורים, צרות, — מענטשן ווערן געשמיסן, די מענטשלעכע ווירדע ווערט געטראָטן מיט די פיס; ער דערזעט אויך צום ערשטן מאָל ווי מ׳פירט מענטשן צו דער תליה (ער וועט שפּעטער בשעת דעם טרויעריק־באַרימטן סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראָג דורכפירן אַ פאַרגלייך צווישן יענע אַמאָליקע תליות און די היינטיקע);

אָבער פון דער צווייטער זייט, באַגעגנט ער זיך אויך אין תפיסה מיט דעם פּשוט׳ן רויען מענטשלעכן עגאָאיזם. ער וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די געשיכטע מיט דעם פּאָליטישן אַרעסטאַנט, וואָס באַקומט איינמאָל אַ מתנה אַ געבראָטענע גאַנז; ער וואַקלט זיך אַ מינוט: זיך טיילן אָדער נישט טיילן מיט די חברים? — און סוף־כל־סוף איז גובר דער עגאָאיס־

טישער יצר־הרע, ער דרייט זיך אויס צו דער וואַנט און עסט אַליין דאָס געשמאַקע מאכל; די סצענע ווידערהאָלט זיך איניקע טעג, זי איז פיינ־לעך און באַליידנדיק: די חיה אינעם מענטש באַווייזט זיך אין איר אמת׳ן פּרצוף.

פון דער אַנדערער זייט צוגלייך, וואָס פאַר אַ טיפּע סאָלידאַריטעט אין תפיסה, אויף די לאַנגע מאַרשרוטן דורך די פאַרשנייטע וועגן אין סיביר. ער קומט איינמאָל אָן אינגאַנצן אַ דורכגעווייקטער נאָך אַ לאַנגן אויסשעפּנדיקן מאַרשרוט. דאָס העמד אויף אים איז נאַס און ער ציטערט מיט אַלע אברים פון דער שניידיקער בייסיקער קעלט. און, פּלוצלינג, אַזוי ליגנדיק אויף דער ערד אין דער פינצטער, דערהערט ער די שטים פון אַ צווייטן אַרעסטאַנט, וואָס גיט אים אַן אַנדער העמד; און איידער־וואָס, איידער־ווען פאַרשווינדט אין דער פינצטערער נאַכט די פּערזאָן, וואָס האָט אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל מענטשלעכקייט.

יאָ! די דאָזיקע דערינערונגען פון דער תפיסה, דער געראַנגל פון מענטש פאַר אַ ביסל ווירדע, דער חלום וועגן דער פרייהייט, וועגן דער אויסלייזונג און גאולה, די ביטערע יאָרן פון דער קינדהייט מיט זייערע איינדרוקן — דאָס אַלץ וועט דינען אַלס אַ גרונט־מאָטיוו אין דער שאַפונג פון גרויסן דיכטער.

★

אין 1913 געלינגט לייוויקן צו אַנטלויפן פון סיביר. ער קומט אָן אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע און אַרבעט אַלס שטובן־מאָלער און טאַפּעטן־קלעפּער ביז 1920. ער ווערט דאַן קראַנק און פאַרברענגט אין אַ סאַנאַטאָריע די יאָרן 1920—1922.

אין פאַרלויף פון די אַלע יאָרן באַטייליקט ער זיך אין די זאַמל־ביכער „ליטעראַטור און לעבן", „דער אינדזל", „שריפטן"; אין די טאָגצייטונגען „פאָרווערטס" און „טאָג", ווי אויך אין דער „צוקונפט". ער שליסט זיך אָן אין דער גרופּע „יונגע". — אגב, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די ערשטע לידער זיינע דערשיינען אין ניו־יאָרקער זשורנאַל „צייט־גייסט" אין 1907 און אַז ער הערט נישט אויף צו שרייבן אויך זייענדיק פאַר־שיקט.

זיין ערשטער בוך לידער דערשיינט אין 1919 און גלייך נאָך דעם — זיין ווערק „דער גולם".

דאָס דאָזיקע ווערק האָט אַלס לייט־מאָטיוו דעם פּראָבלעם פון גאולה, די דערוואַרטונג פונעם דערלייזער, די ליידן פון דעם עלנט באַשאַפענעם מענטש, אָבער גלייכצייטיק אויך די ליידן פון באַשאַפער. די לעגענדע פון מהר״ל, וואָס באַשאַפט דעם גולם, נעמט אָן אין די וואונדער־באַרע פערזן פון לייוויקן אַן אוניווערסאַלע באַדייטונג: דער גולם — די רויע פיזישע קראַפט פון דער מאַסע — צעבונטעוועט זיך קעגן זיין פירער, זיין באַשאַפער. די אַלע סצענעס, דיאַלאָגן טונקען אין דער פּי־בערהאַפטער אַטמאָספערע פון דער דערוואַרטונג, פון שפּאַנונג: —

זענען זעקס מעת־לעת אַריבער,
היינט דער זיבעטער מעת־לעת.
אַלע אין געשפּאַנטן פיבער
וואַרטן אויף דעם גולם׳ס נס.

פון דעם מאַן וואָס טראָגט דעם צלם
צו דעם בעטלער מיטן זאַק
קומט דער אויסלייזער, דער גולם,
מיט אַ פויסט און מיט אַ האַק״

(פון בוך „דער גולם״)

דער גולם ווערט געשפּילט 400 מאָל אויף דער סצענע אין יידיש, העברעאיש, ענגליש, דייטש און פויליש.

אויך זיין צווייטע פּיעסע „שמאַטעס״ האָט אַ געוואַלטיקן דערפאָלג, ווי אויך אַ רייע אַנדערע דראַמעס וואָס ער שרייבט אָן. אין סך־הכל האָט ער פאַרעפנטלעכט 22 דראַמעס און דראַמאַטישע פּאָעמעס, ווי אויך 9 בי־כער לידער.

אין 1925 מאַכט ער אַ רייזע אין אייראָפּע און סאָוויעט־רוסלאַנד. ער ווערט אומעטום אויפגענומען נישט נאָר ווי אַ גרויסער דיכטער און קינסט־לער, נאָר אויך ווי אַ וואָרטזאָגער און פירער.

ער אַרבעט אַ געוויסע צייט אין דער קאָמוניסטישער „מאָרגן־פריי־הייט״, אָבער ווען אין 1928 ברעכן אויס די אַנטי־יידישע אומרוען אין פאַלעסטינע און די קאָמוניסטישע „מאָרגן־פרייהייט״ שאָקלט זיך נישט אָפּ פון די אַראַבישע העצער, רייסט ער איבער מיט אָט דער צייטונג. אין 1936 ווערט ער אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „טאָג״.

טראָצדעם וואָס ער האָט איבערגעריסן מיט דער „מאָרגן־פרייהייט", באַטייליקט ער זיך דאָך אין 1937 אין קולטור־קאָנגרעס פון פּאַריז וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון די יידישע קאָמוניסטן ביי דער זייט פון אַ רייע מערערע נישט־קאָמוניסטישע שרייבער און טוער. — אגב, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז ער רעדט שוין דאַן וועגן אַ „ליידיקער שטול" פון די סאָוויעטישע יידישע שרייבער, — ווי ער וואָלט מיט זיין נביאישן חוש געשפּירט די אָנקומענדיקע טראַגעדיע וואָס האָט דערוואַרט די יידישע קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד.

די מלחמה־יאָרן, דער מורא'דיקער חורבן פון יידישן פאָלק לאָזן איבער אין זיין נשמה טיפע נישט פאַרהיילבאַרע וואונדן. ער טראָגט זיך אַ רום מיט אַ שולד־געפיל. די פראַגע פון זיינע קינדישע יאָרן : וואָס וואָלט געווען, ווען דער מלאך וואָלט אויף אַ מינוט פאַרשפּעטיקט ? און דער נאַאיווער ענטפער פון רבי'ן — בנוגע עקדת יצחק — אַז אַ מלאך פאַרשפּעטיקט קיינמאָל נישט — לאָזן אים נישט צורו. האָט דאָך דער מלאך יאָ פאַרשפּעטיקט...

ער באַזוכט די — „די פּי־" — לאַגערן אין דייטשלאַנד און באַמיט זיך צו טרייסטן די לעבן געבליבענע, די געראַטעוועטע פון דער דייטשער פאַרניכטונגס־מאַשין, — כאָטש ביי זיך אין האַרצן ווייסט ער אויסגעצייכנט, אַז ס'איז נישטאָ קיין טרייסט צום גרויסן אומגליק.

אין 1948 איז ער איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס וואָס קומט פאָר אין ניו־יאָרק. ער ווערט די צענטראַלע פיגור אויף דעם דאָזיקן קאָנגרעס און פרייט זיך מיט דער גרופּע געראַטעוועטע יידישע שרייבער וואָס קומען פון אייראָפּע קיין ניו־יאָרק.

ער פאַרעפנטלעכט נאָכן חורבן זיין באַרימטע „אין טרעבלינקע בין איך נישט געווען". ווי אויך „אַ חתונה אין פערנוואַלד" וואָס ווערט געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג.

ער אַרבעט מיט אין „צוקונפט" און ווערט איינער פון אירע מיטרעדאַקטאָרן, ווי אויך אין אַנדערע צייטשריפטן.

★

ער פרייט זיך מיטן אַנטשטיין פון מדינת ישראל און וויזמעט אַ

רייע לידער דעם דאָזיקן נס. אָבער, פון דער צווייטער זייט, קאָן ער נישט מסכים זיין מיט דער גאָוןהדיקער פאַראַכטנדיקער באַציאונג צום גלות מצד אַ רייע אָנפירנדיקע קרייזן אין ישראל. אין זיין שוין פריער דערמאָנטער רעדע אויפן אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים, זאָגט ער:

„איך פערזענלעך בין שוין גאַנץ מיד פון אונדזערע קולטור־ און שפּראַך־טראַגיזמען". ער טרעט אַרויס ווי אַמשאַרפסטן קעגן די וואָס לאַכן אויס יידיש און זאָגן, אַז „מיט יידיש איז דער גלות־ייד נאָר געגאַנגען צום גאַז־קאַמער". „עס איז נישט ריכטיק", זאָגט ער; „יידיש איז געווען די שפּראַך פון באַריקאַדן, פון די קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, פון בעל־שם־טוב, פון ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער; און אויב אפילו דאָס זאָל זיין אמת, אַז מיט יידיש איז דער גלות־ייד געגאַנגען נאָר צום גאַז־קאַמער, קאָן איך נאָר זאָגן איין זאַך: פאַלט כורעים פאַרן דאָזיקן יידיש! פאַלט כורעים פאַרן דאָזיקן גלות־ייד".

ער האַלט אַז „ג ל ו ת איז נישט שיין, איז מיאוס, אָבער דער יי ד אין גלות איז געווען כולו שיינקייט", — פונקט ווי תפיסה איז כולו חושך, אָבער דער אַרעסטאַנט, אויב אַן אומשולדיקער, איז כולו דערהויבונג".

אָבער, פון דער צווייטער זייט, טרעט ער אַרויס קעגן די וואָס האַלטן זיך ביי שלילת ישראל. ווי געזאָגט באַוואונדערט ער דעם נס פון ישראל'ס אַנטשטייאונג. ער שטרייכט אונטער סיי אין זיינע לידער און סיי אין די פאַרשידענע סימפּאָזיומס, אין וועלכע ער באַטייליקט זיך, זיין קעגנערשאַפט צו שלילת ישראל, צו שלילת הגלות און צו שלילת העם. ער זוכט, ווי אַזוי צו געפינען אַ בריק וואָס זאָל פאַרבינדן אַלע טיילן פון פאָלק צווישן זיך, מיט זייער עבר, מיטן ג אַ נ צ ן עבר. ער טרעט אַרויס קעגן דעם געדאַנק פון איבערשפּרינגען די צוויי־טויזנט יאָר יידישע געשיכטע אין גלות.

וואָס איז שייך דער באַציאונג פון לייוויק'ן צום קאָמוניזם און ראַטנ־פאַרבאַנד, — איז געווען נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז דער געוועזענער פאַרשיקטער אין סיביר האָט פון אָנהויב נאָכגעפאָלגט מיטן גרעסטן אינטערעס דאָס וואָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ער וויל גלויבן, ער וויל האָפן, אַז עפּעס פון ג ו א ל האָט זיך באַוויזן אויף אונדזער זינדיקער ערד. אָבער, ווי געזאָגט, רייסט

ער איבער אין 1928 מיט דער „מאָרגן־פרייהייט״. לייוויק וועט שפּעטער שרייבן אַז אין גאַנג פון דער רעוואָלוציע האָט מען פאַרזען דעם יחיד. — עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז מיטן ענדערן פון דער סאָציאַלער אָרדע־נונג ווערט געענדערט דער מענטש.

מערערע מאָל דריקט ער אויס זיין מורא, אַז די וואָס זענען אַליין גע־ווען אַמאָל אונטערדריקט זאָלן פון זייער זייט נישט ווערן שפּעטער קיין הענקער. רעוואָלוציעס, האַלט ער, זענען, אין גרונט גענומען, נישט דער־פאַלגרייך ווייל דער געשמיסענער ווערט שפּעטער אַליין אַ שמייסער. „דאָס באַפרייען, דאָס תפיסה׳דיקע איז נישט קיין דרויסנדיקע זאַך״. „דער מענטש דאַרף קודם־כל אין זיך דורכמאַכן די געהעריקע עוואָלוציע; דער מענטש דאַרף זיך דער עיקר היטן פאַר זיך אַליין״.

גאָר באַזונדערס וואַקסט זיין אויפרעגונג קעגן סאָוויעט־רוסלאַנד, ווען עס ווערט באַקאַנט דער טראַגישער סוף פון די יידישע שרייבער און יידישע גייסט־מענטשן אונטערן סטאַלין־רעזשים. אין לידער און אין אַר־טיקלען ברענגט ער צום אויסדרוק זיין טיפע עמפּערונג צוליבן מאָרד פון דער יידישער קולטור.

אין מיטן 1952, צום 50־סטן יאָרצייט נאָך לעקערט׳ס תליה פּאַר־עפנטלעכט ער אין ערשטן מאַי־נומער פון „צוקונפט״ אַ זייער כאַראַק־טעריסטישן דיאַלאָג צווישן מאָנומענט פון לעקערט׳ן און דעם פון כמעל־ניצקין, אַרניסברענגנדיק וואָס עס פילט אַ יידישער מענטש אין אָנבליק פון אַ כמעלניצקי־מאָנומענט... גאָר באַזונדערס ווען יידיש און יידיש לעבן ווערט נאָך אַלץ פאַרפאָלגט.

בשעת דעם סלאַנסקי־פּראָצעס אין פּראָג, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ ריי אַנטיסעמיטישע מאָמענטן, פירט דורך לייוויק אַ פאַרגלייך צווישן די אַ־מאָליקע תליות, צווישן אַן אַמאָליקן תליון, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן און זיך געשעמט מיט זיין טאַט, און דעם היינטיקן וואָס האָט פון תליוה געמאַכט אַן אידעאַל.

★

אין זיין רעדע אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין 1937 שטעלט ער זיך אָפּ איבער דער אומגאַנצקייט פונעם מענטש, וואָס ער טראָגט זי מיט זיך און אין זיך: דער הויפּט־אומגליק דאָס איז די צעשפּאַלטנקייט פון דער מענטשלעכער נשמה, די צעריסנקייט. ער זעט די אייביקע טראַ־

גיק און אייביקן וואונדער און אַלץ וואָס האָט געטאָן מיט מענטשן־שאָטן און מענטשן־ליכט. לעבן הייסט זיך מתחייב זיין צו עפּעס, זיך איינשפּאַנען אין אַ יאָך, האָבן אַ חוב, טראָגן אין זיך וועלט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַן אַנדער דראַמע זעט ער אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען פון ייד און וועלט.

רעדנדיק אויפן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער אָנגעוויזן, אַז פון אָנהויב האָט איבערגעוויגן אין דער יידישער דיכטונג פון אַמעריקע דער סאָציאַלער מאָטיוו (ראָזענפעלד, באָווּשעווער, עדעלשטאַט אאז״וו). שפּעטער האָט אָנגעהויבן דאָמינירן דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר און ער, לייוויק, זוכט, ער שטרעבט צו אַ גלייכגעוויכט צווישןביידע עלעמענטן.

ער פאַרענדיגט דאַן איינע פון זיינע רעדעס מיט פאָלגנדיקער באַשרייבונג פון דער יידישער ליטעראַטור.

„דער ווייסער יום־טוב־טיש, איבער וועלכן עס האָט זיך געשפּרייט דאָס געלעכטער פון מענדעלען, דער ליכטיקער שמייכל פון שלום־עליכמען, דער פלאַמיקער קוק פון י. ל. פּרץ, דער טיש, וואָס האָט געשמעקט מיט פּרילינגס־בעז — איבערן דאָזיקן טיש הענגען איצט צייטיקע סעפּטעמבער־עפּל און אַ געזאַנג טראָגט זיך דורך זיי — אַ געזאַנג וואָס דורכגעדרונגען אַזש פון רייזנס „מאי־קא־משמע־לן״ ביז צו ליעסינס סיבירער יורטע, דאָרט וואו עס קייקלט זיך די לענאַ, און ביז צו דער ביי־מאַשין פון ראָזענפעלדס בלייכן אַפּערייטאָר, און ביז צו דער סודותדיקער שטילקייט פון יהואשס לעצטער טיר, און ביז צו ביאַליקס שטאָט פון הריגה. און איבערן יום־טוב־טיש וויגן זיך, ווי פון קופּער געהאַמערטע, אָפּאַטאָשוס פּוילישע וועלדער, און עס נויגן זיך צו אים זאַנגען פון ראַבאָיס ווייטער וועלט, און עס טאַנצן אַרום אים פּיסלעך פון בערגלסאָנס פּענעק און פּיס אין כאַדאַקעס פון קאַדיאַ מאָלאָדאָווסקיס דזשיקע גאַס, און די באָרוועסע פּיס פון כאַריקס פּיניע פון מינסקער בלאָטעס, און די גרויסע פּיס פון אשס מאָטקע גנב, און קאַברינס יאַנקל בוילע, און עס שאַרן זיך שטיל די גרינפעלדערדיקע טריט פון הירשביינס לוי יצחק, און טריט, וואָס קומען אָן פון ראָלניקס אַרום מיל, און ניו־יאָרקער טריט פון איגנאַטאָווס גערטרוד, און די פאַרשעמטע טריט פון מנחמס זאַוול רימער; עס טראָגן זיך איבערן טיש פון די שייטער־געזאַנגען פון לעיעלעס שלמה מולכו, און

דער פאַרשטיקטער שלוכץ פון פּינסקיס שטומען משיח, און דער ריח פון שאַפּיראָס פאַרבלוטיקטער ווייסער חלה. און מיט אַמאָל גיט אַ זעץ די פּויק פון האַלפּערנס גאַסן־פּויקער, און עס צעטראָגט זיך די דינע פּלייט פון מאַני־לייבס יינגל צינגל, און דאָס פאַרכשופטע געזאַנג פון מאַנגערס בלוי־ען ייד, און עס נעמען זיי אַלעמען אַדורך ניגערס שטילע ברכות, און ריווי־קינס עקסטאַטישע אויסרופן. און אַט מיטאַמאָל, אַ געיאָמער, און געוויין פון דורות, און איבערן געיאָמער, אַ ניי געזאַנג פון אַרבעטסמאַן, פון אַ אַקערער, פון אַ זייער און פון אַ שניטער".

„איז עס דען ניט אַ וווּנדערלעכער טיש מיט אויסטערלישע סימבאָלן און עמבלעמען איבער אים?"

★

דער עלנט פון דער וועלט איז דעם דיכטער כסדר נאָכגעגאַנגען, צו־רו נישט געלאָזט, געוועקט, געמאָנט. דורכגעדרונגען מיט רחמנות אויפן מענטש, אויפן ייד, פאַרלירט ער פונדעסטוועגן נישט דעם אָפּטימיזם. —

„איך ווייס, אין יעדנס האַרץ איז דאָ אַ ליכטיקייט, אַ שיין;
אויף וועלכן שוועל דו זאָלסט נישט שטיין, קלאַפּ אָן און גיי אַריין".

זיין דיכטונג שטעלט אים אין די פאָדערשטע רייען נישט נאָר פון דער יידישער פּאָעזיע, נאָר אויך אויף אַ בכבוד'דיקן פּלאַץ צווישן די גרויסע מייסטער פון די אומות־העולם.

עס בלייבט אונדז נאָר אויסצודריקן דעם וואונטש — און דאָס וועט זיין דער בעסטער מאָנומענט וואָס די יידישע ליטעראַטור וועט קאָנען אויפשטעלן פאַרן גרויסן דיכטער — אַז לייוויקס ווערק, זיינע שאַפונגען אין פּאָעזיע און אין פּראָזע, זאָלן ווערן דער קנין פון רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק.

ם. וואַלדמאַן

אונדזער מורה דרך

(רעפעראַט)

מיט אַ טיף־געבויגענעם קאָפּ שטיי איך דאָ פאַר אייך, וואו אַרום אונדז שוועבט דער גייסט פון גרעסטן יידישן דיכטער פון אונדזער צייט — צו דערמאָנען זיך גופא און אייך אַלעמען דעם ליכטיקן אָנדענק פון ה. לייוויק

מיט דעם זעלבן געפיל פון טיפער פאַרערונג, מיין איך, אַז איר אַלע בייגט דעם קאָפּ פאַר דער דערהויבענער פערזענלעכקייט וואָס איז אַוועק פון אונדז מיט אַ חודש צוריק.

הויך מיין פערזענלעכן צער, ברענג איך דאָ אַהער אויך דעם צער אויסדרוק פון קולטורקאָנגרעס, וועמענס פירנדיקער גייסט ה. לייוויק איז געווען ביז זיין לעצטן אָטעם, אַפילו שטומערהייט. ווייל אויך זיין שטומקייט איז געווען אַ מאָנונג פון טאַטן, וועלכע זענען פריער דורך אים אויך געוואָרן אָנגעצייכנט.

וויפיל מיר זאָלן נישט באַנעמען דאָס טראַגישע וואָס איז געשען — איז אַלץ שווער מסכים צו זיין מיט דער גורל־באַשטימונג, אַז לייוויק איז שוין — בלויז גנוווטן.

כ׳האָב איבערגעלייענט היינט די שורות פון יעקב פאַטן. שורות וואָס האָבן אין זיך אַ דערשטיקטן, באַהאַלטענעם שלוכץ. ווערט דערציילט דאָרטן, אַז לייוויק האָט אין יענעם טראַגישן מאָמענט — אַוועקפאַלנדיק

אַ מסוכן־קראַנקער, — זיך נישט געלאָזט טרייסטן. איז אָבער געפאַלן אַן אויפציטערנדיק וואָרט צו לייוויקס קראַנקן גוף, וואָס האָט געקענט צו־ריקרופן אַ טויטן:

„לייוויק אַ פאָלק וואַרט אויף אייך!"

אין דעם מאָמענט האָט זיך ווייזט אויס אָנגעהויבן די גרויסע מל־חמה פון לעבן מיט טויט אין דעם אָפגעשוואַכטן גוף פון אונדזער יסורים־אויסטראָגער, פון אונדזער געוויסנס־מאָנער, דעם גרויסן זון פון אונדזער דור, וועלכער האָט געשלאָסן אַן אייביקן בונד מיטן ליידנדיקן מענטש — וועמענס אויסזינגער ער איז געוואָרן.

אָבער ווי טראַגיש דאָס איז, ווען דאָס פאָלק וואָס האָט דערהויבן איר זון צו זיין דער מורה דרך פונעם דור, וואָס האָט געזוכט באַנייאונג דורך גאולה פון יעדן יחיד באַזונדער — זאָל שטום ווערן זיין וואָרט אויף וועלכן מען האָט געוואַרט; זאָל אָפגענומען ווערן זיין גאַנג, וואָס האָט אים מער נישט געקענט פירן צום „ערגעץ־לאַנד", וואו ער דאַרף ברענגען — טרייסט און אויפמונטערונג מיט זיין דערשיינונג; דאָרטן וואו מען האָט געוואַרט אויף זיין בליק וואָס איז פול געווען מיט — ליכט.

און געווען איז דער בליק אויך אַמאָל אַזוי דין, ווי אַ חלף וואָלט אַ ברי געטאָן מיט זיין שאַרף. מערער איז זיין בליק אָבער געווען ליידנ־דיק־פאַרביסן און מיטליידנדיק — ביז צו דער קדושה פון אַ כהן, ווען ער דאַרף בענטשן דאָס פאָלק.

דאָס טראַגישע איז געשען, ער איז אַוועק דעם לעצטן וועג פון יעדן שטערבלעכן. דער וואָס האָט צו זאָגן איבער זיין און נישט־זיין פון יעדן לעבעדיקן באַשאַף האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צום רוף: „לייוויק, אַ פאָלק וואַרט אויף אייך!".

אָבער דאָס פאַריתומטע פאָלק דאַרף האָבן ווער עס זאָל אַרויסרעדן דעם גרויסן צער פון טרעבלינקע און נאָך־טרעבלינקע — בכדי דורך אים, דעם אַליין־ליידנדיק־מיטליידנדיקן — אויך אָנגעצונדן צו ווערן מיט דער וויזיע פון אַ געליַיטערטן גאַנג צו מענטשלעכער גאולה.

ווער האָט עס אַזוי באַוויזן צו פאַרבינדן ווי לייוויק?

ווער האָט אַזוי אַרויסגעהויבן דאָס אומגליק פון יחיד וואָס ווערט

כסדר געשטעלט פּאַר טויזנט נסיונות — אין אַן אייביקן קאַמף מיטן מז־בח, וואָס שטייט אומעטום גרייט.

ווער ווי לייוויק האָט זיך אַזוי געראַנגלט מיט ירושהדיקע שוואַכ־קייטן ביים בן־אדם, בכדי צו דערגייען צום תמציתדיקן פון דער מענטשלע־כער נאַטור — אינעם קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס — אין זיך גופא און מיטן ברוטאַלן אַרום, וואָס דריקט דעם ליידנדיקן.

די טיפע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָבער פאַרן מענטשלעכן ליידן, די איבערגענומענקייט מיט די יסורים פאַרן אַנדערן, וואָס איז אַפילו פאַרבונדן מיט געוויסן, וואָס איז אַפילו געבונדן מיט געוויסנס־פּיין, ברענגט דעם דיכטער צו אַזעלכע אויספירן.

„זאָגן זיין וואָרט פון משפט — איז מיר געבליבן פאַרקריצט אַ גע־דאַנק פון לייוויקן — זאָל נאָר יענער וואָס איז אַליין געשטאַנען פאַרן תהום און אויסגעהאַלטן דעם נסיון, בלייבנדיק מענטש".

—ווען קומט מען צו אַזאַ־אַ מדרגה?

★

אַן אייביקן קאַמף האָט ער געפירט מיט זיך, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך גאַנץ יונג־זייענדיק. אפשר, אין יענעם מאָמענט ווען ער האָט דערזען די גרויזאַמע האַנט פון גורל — ווען זיין יונג שוועסטערל איז פאַרברענט געוואָרן אין זיין היים ביי זיי אין שטוב.

און דאָס ערשטע פייער־אומגליק וואָס האָט שוין מער נישט געוואָרעמט די מאַמעס קאַלטע שטוב, נאָר געפרירט דאָס בלוט אין די אָדערן, האָט אים געמאַכט וואַכזאַמער, עמפינדלעכער צו זוכן אין אַלע ווינקלען — וואו קען חלילה אַ פייער אָנגעצונדן ווערן.

עס ווערט אַזוי שווער צוזאַמענצונעמען די געדאַנקען, וואָס פליען אַן מיט אַ ליכטיקער אויפשיין; אַזויפיל ווערטער וואָס רייסן זיך אַרויס־געזאָגט צו ווערן — בכדי פאַר זיך גופא קלאָרער מאַכן דעם זין פון לייוויקס געלייטערטע געזאַנגען, פול מיט מחשבה; אויך דערהערן דאָס קול פון זיינע געשטאַלטן, וועלכע שרייען אויס אַזויפיל פיינפולע דערקענטע־נישן פון דורותדיקן יידישן גאַנג איבער דער וועלט.

מיט וואָס איז לייוויק אַזוי דערהויבן געוואָרן ביי אונדז? פון וואַנען נעמט זיך די ווירקונג?

ער איז געקומען מיט זיין דיכטעריש וואָרט, וואָס האָט געבריט דעם ברי פון די געשמיסענע — און געטראָגן צום מענטש די מאָנונג צו שלי־מות.

ער האָט געוויטיקט איבער דעם ביסן ברויט, וואָס עמיץ האָט באַהאַלטן געגעסן און אָפּגענאַרט זיינע הונגער־חברים אין תפיסה — מאָנענדיק דערפאַר — ריינקייט פון געוויסן, וואָס מיינט — גאַנג צום אמת.

ווי אַזוי קומט מען צו דעם אויב נישט דורך עטישער פּאַרטיפּקייט, וואָס מיינט ווידער — ליכט אַרום דער פינצטערניש פון געוואַלדטאָט — די ווירקונג זאָל זיין: מענטש־דערהויבונג, מענטש־באַפרייאונג.

דאָס פירט צו אחריותדיקייט פון טאָט, וואָס ברענגט צו העכערע מדריגות, ביז באַהערשונג פון יעדער האַנדלונג געבונדן מיט מאָראַלישער ריינקייט.

און יעדע דערהויבנקייט פון טאָט מיינט דאָך: די אויסשטראַלונג פון אַ ליכט, ווי ביי משהן, ווען מענס געבאָטן עס האָבן דעם מענטש געפירט צום באַוואוסטזיין פון — ווערן מענטש.

אַזוי איז לייוויק געקומען פון מדרגה צו מדרגה, שוין אין יענעם ערשטן ליד פון „הינטערן שלאָס״:

„ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט,
ליגט דאָס לאַנד דאָס פאַרבאָטענע.
זילבעריק בלאָען די בערג
נאָך פון קיינעם באַטראָטענע״.

דאָס דאָזיקע ליד, געשריבן ביים סאַמע באַגינען פון לייוויקס פּאָעטישער אַנטפּלעקונג ווייזט שוין אָן וואוהין דער דיכטער בליקט. וואוהין ער ריכטעט זיין גאַנג.

און אויב אויפן וועג צום „לאַנד דעם פאַרבאָטענעם״ ווערט ער דערווייל געברענגט אינעם לאַנד פון געשמיסענע, וואו אונטער בייטש פון ברוטאַלע שומרים דערזעט דער יונגער פּאָעט אַ שוואַרצע רעאַליטעט, ברענגט עס אים צו מעדיטאַציעס.

—ווער איז אַלץ דער קרבן? — דער געפייניקטער, אָדער אויך דער פייניקער? זאָלן די עטלעכע שורות ווייטער פאַר אונדז אילוסטרירן דאָס פּריער געזאָגטע:

„וועכטער גיי און לייג זיך שלאָפֿן,
נעם דיין אויג אַראָפּ פון טיר.
נאַכט געגעבן איז אויף רוען,
ווי פאַר מיר, אַזוי פאַר דיר.

שטעל אַוועק דיין ביקס ביים טויער,
שפּאַר זיך אָן דעם קאָפּ אין טיש;
פון אַ גאַנצן טאָג אַרומגיין
טוען ווייַ דאָך דיינע פיס".

— פאַר וועלכער פילנדיקער עמפּינדלעכקייט בלייבן מיר דאָ שטיין?

לייוויק, דער אַרעסטאַנט אויף דער פינצטערער נאַרע, מיט טאַנצנ־דיקע מייז אַרום זיך, און דער וועכטער פון יענער זייט טיר וועלכער וואַכט איבער אים, דעם פאַרמשפּטן.

ווי אַזוי דערקלערן אָט דאָס פשוטע, אָבער דערהויבן־מענטשלעך ליד, ביים יונגן קוים צוואַנציק יעריקן אַרעסטאַנט?

— ווייל אויך פייניקער מיינט — זיין אַ קרבן.

נאָך יענע ערשטע „סיבירער לידער" קומט אָבער דאָס איבעראַשנדי־קע גרויס דראַמאַטיש ווערק פון לייוויקן, „דער גולם", וואו זיין באַטראַכ־טונג־ און פאַראינטערעסירונג־קרייז ברייטערט זיך אויס מיט פּראָבלעמען פון גאולה. פון אויסלייזער און — אויפלייזער פון דער אידייע. פון איין זייט דער טרוימער — דער מהר"ל — וועלכער וויל צואיילן די גאולה; באַפרייען דעם געפאַנגענעם משיח אין קייטן און פון דער צווייטער זייט, דעם מהר"לס באַשאַף — דער גולם — וואָס הייבט די האַק אויף זיין איי־גענעם באַשעפער.

אין דאָזיקן ווערק האָט לייוויק געשטעלט פאַר אונדז פּראָבלעמען וואָס זענען — אין קאָנפראָנטאַציע מיט דער צייט — נישט נאָר באַשטע־טיקט געוואָרן, נאָר באַקומען אַ העכערן סימבאָלישן זין — אוניווערסאַל גענומען וואו דער פּראָבלעם אויסלייזער, וועלכער פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קאַלטן אכזר, בלייבט אַקטועל, און ווער ווייסט אויף ווי לאַנג נאָך.

לייוויק פאַרמאָגט אָבער אויך די גלויביקייט אין מענטש וועלכער

מיט יידישע שרייבער אין פּאַריז, 1950
פֿון רעכטס צו לינקס: 1־טע ריי: רייזל זשיכלינסקי, יוסף פּאַפּיערניקאָוו, מלך ראַוויטש, ה. לייוויק, א. מ. פוקס, משה קנאַפּהייס. עס שטייען: מרדכי שטריגלער, מ. וואַלדמאַן, לייזער אייכנראַנד, י. כהן, יצחק יאַנאַ־סאָוויטש, דר. י. קאַנטער, פּערל האַלטער, י. וואָלף, א. ב. צעראַטאַ.

צוויי סצענעס פון „גאולה־קאָמעדיע״ — אויסגעפירט דורך די תלמידים פון דער „ש. מענדעלסאָן צוגאָב־שול״ ב״ים „אַרבעטער־רינג״ — אויף אַ שול פייערונג פון „קולטור־קאָנגרעס״ אין פאַריז , 1962.

איז יאָ בכוח, דורך מאָראַלישער און עטישער טאַט צו קענען שפּאַנען אויפן וועג צו שלימות, וואָס פירט ערשט צו גאולה.

דער המשך פון דער וויזיע איז פאַראַן אין אַלע לידער, ביז דעם סימ־באַליש־גלייביקן ליד, וואָס גיט איבער זיין אייגענעם, אָבער אויך דעם אַלגעמיין יידישן גורל, וואָס בינדט זיך אויך מיט דעם גורל פון דער וועלט. „אייביק" הייסט דאָס ליד, וואָס ווערט פאַרענדיקט מיטן פערז:

„אין בלוט מיינע קליידער, — די פיס קוים איך שלעפּ,
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געלייטער;
איך קום צו אַ שטיבל, איך פאַל אויף די טרעפּ ־ ־ ־
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער".

טיף אחריותדיק און אייגן־באַוואוסט איז לייוויק געווען וועגן זיין שליחות אַלס שרייבער. דערפאַר איז אויך מעגלעך געוואָרן מיר זאָלן אים אויפנעמען ווי: אונדזער פאַרגייער — ווייל פאַראָנער, פאַרזאָגער — ווייל וויזיאָנער־אָנטפּלעקער און באַזונדערס וויכטיק: אחריותדיקער מאָנער פאַרן יושר פון דער וועלטס סדר און איבער אַלעם — פאַר פאַרטיפטער יידישער אַנטוויקלונג

איז ער דערמיט געוואָרן אונדזער גייסטיקער פירער.

אין 1925, בעת אַ באַזוך אין וואַרשע, אין שרייבער־קלוב האָט לייוויק גערעדט וועגן דער שליחות פון שרייבער. אָט וואָס ער האָט געזאָגט:

„די ליטעראַטור דאַרף זיך אַנטוויקלען אונטער דעם צייכן פון דער גרויסער אחריותדיקייט צום אייגענעם פאָלק און צו דער וועלט".

אַזאַ פּשוטע פאָרמולירונג, אָבער דער וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט די דאָזיקע אחריות אויף זיך גענומען מיט אַלע שווערע קאָנסעקווענצן.

און ער האָט זי פאַר אונדז אַנטפּלעקט אין אַלע זיינע שאַפונגען — תמיד פאַרבונדן מיטן גורל פון מענטש, דעם יחיד, וועלכער דערהויבט ערשט דורך דעם — דעם כלל.

פאַר אים איז דאָס עטישע און טיף מאָראַלישע געווען עיקרדיק אין זיין שאַפן, ווייל דאָס ערשט דאַרף באַווירקן דאָס לעבן.

נישט בלויז שיינע פּאָרם, עסטעטיק — גאָר דורכויס עטיש, ביז אַס־קעטישער פּייניקונג, און ווי געזאָגט: תמיד אחריותדיק פאַרן ציבור.

ווען לייוויק איז געפאָרן צום אידעאָלאָגישן כּינוס אין ירושלים. — דערציילט אונדז יעקב פּאַט, וועלכער איז געווען אַן עדות דערפון — אַז ער האָט זיך צוגעגרייט מיט זיין וואָרט — ווי צו דער עבודה פון אַ כהן גדול.

און אַז מיר האָבן געהערט לייוויקס וואָרט דעמאָלט, וואָס האָט אַזוי אָפּגעהילכט אומעטום — האָט עס אויפגעציטערט די גאַנצע יידישע וועלט.

„ניטאָ אויף דער וועלט היינט קיין מענטש ווי עס איז דער יידישער יחיד, וואָס זאָל אין איינער און דער זעלבער צייט, אי האָבן אַריבערגע־טראָגן די שוועל פון נאַציאָנאַלער גאולה, אי האָבן געבליבן שטיין פּנים אל פּנים מיט אַ נייעם עקידה־נסיון".

אַזוי האָט דער דיכטער געזאָגט אין ירושלים אין 1957. און נאָך עפּעס:

„עס איז אַ גרויס אומגליק אַנצונעמען פאַר דער וועלט די טעאָריע, אַז אַ מענטש קאָן באַשאַפן אַ יאָ פון אַ ניין; אַז כדי צו ברענגען גאולה, אָדער כדי זיך אַליין אַריינצולעבן אין דער געשטאַלט פון אַ וועלט־גואל, מעג מען און מען דאַרף גיין געאָרעמט מיטן שטן; אַז כדי צו ברענגען די אהבה מעג מען און מען דאַרף פאַרשיכורן זיך מיט שנאה".

אויך אין דער פראַגע פון אונדזער געפּרוּווטן לשון האָט לייוויק גע־זאָגט דאָס וואָרט וואָס קיינער אויסער אים האָט עס אַזוי קלאָר פאָרמו־לירט:

„איך בין צו שטאָלץ הײנט צו מאָנען ביי יידן כבוד פאַר יידיש"

דער דאָזיקער זאָג האָט ביי אַ סך אויפגעעפנט פאַרשטאָפּטע אויערן.

דערמאָן איך מיט כיוון וועגן דעם מערער ווייל לייוויק האָט דאַן גענומען שטעלונג צו כמעט אַלע פּראָבלעמען וואָס נורטעווען אין יידישן לעבן. מיר האָבן באַקומען אַ פאַרטיפטן אַנאַליז, און וואָס פאַראַ ווירדי־קע פאָרמולירונג וועגן גאַנג פון אַ שאָף צו דער שחיטה און גאַנג פון אַ העלד צו סיני. סומירנדיק די אַלע פּראָבלעמען האָט לייוויק פאַרענדיקט:

„איז עס ניט געגוג עקידות? איך פרעג. — איז עס ניט גענוג? לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין און אין זיך ניט פירן זיך אַליין צו מזבחות. לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין זיין אַלע לעבעדיקע און ליבנדיקע אבֿרהמס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יצחקס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יעקובֿס. דאָס איז מיין תפילה היינט. אָט דאָ אויף דער ערד פון ירושלים, עטלעכע שפּאַן פון באַרג מוריה. יאָ, דאָס איז היינט מיין איינציקע, מיין איינציקע תפילה".

יעדער פון אונדז מעג די דאָזיקע תפילה איינחזרן פאַר זיך. ער דאַרף לעבן מיט איר — צו וויסן ווי אַזוי דאַרף זיין גאַנג צווישן מענטשן.

האָבנדיק פאַר זיך אָט די אַלע אַרויסגעבערענגטע מאָמענטן, שפּליטערס פון אַ געדאַנקען־רייכקייט וואָס רעגן טיפער אָן צו דענקען, שאַצן און איבערשאַצן, זאָל נאָך דערמאָנט ווערן איין האַנדלונג פון אַ דערהויבנקייט, וואָס שטעלט ווידעראַמאָל אַרויס לייוויקס פּערזענלעכקייט — אי מיט זיין שטעלונג און אי מיט דער פאָרמולירונג.

דאָס איז געווען אין יענע טעג ווען די ראָזענבערגס האָבן געזאָלט ווערן געפירט צום עלעקטרישן שטול. דער געוויסנס־מאָנער אונדזערער האָט זיך געוואָנדן מיט אַ בריוו צו פּרעזידענט טרומאַן, וואו ער האָט געשריבן:

אומאָפּהענגיק צי די פאַרמשפּטע זענען שולדיק אָדער ניט בעט איך פאַר זייער לעבן. זייערע קינדער זאָלן האָבן אַ טאַטע און אַ מאַמע. ווען זיי זאָלן אפילו זיין שולדיק זענען זיי די שטראָף אויך שוין אָפּגעקומען מיטן וואַרטן אויפן טויט.

כאָטש איך ציטיר פון זכרון בין איך אָבער ביז היינט געבליבן אונטער דעם רושם פון די ווערטער, אַז נאָך איצט ווירקן זיי אויף מיר ביז אויפציטער. אויך אין דעם בריוו האָבן מיר דערזען די עטישע פּערזענלעכקייט. נאָר לייוויק האָט געקענט אַזוי פאָרמולירן זיין געדאַנק, זיין מאָנונג פאַר דער הייליקייט פון מענטשלעכן איבערלעבן — און לעבן.

דערפאַר איז ער ביי אונדז געוואָרן דער געקרוינטער וועגווייזער, „אונדזער מאַיעסטעט" — ווי דער פּאָעט יעקב גלאַטשטיין האָט אים אָנגערופן.

איך ווייס ווי גרויס עס איז דער צער אין דער יידישער וועלט. איך פיל אים אָפּ דורך אַלע שטרעקעס. ווייל איך ווייס אויך ווי אַזוי מען האָט לייוויקן אויפגענומען דאָרטן וואו ער איז געקומען — נאָך זייענדיק אפילו גאָר יונג, אָבער שוין מיט זיינע „סיבירער לידער" און מיטן „גולם".

ווער געדענקט עס נישט ווי אַזוי אויך דאָ ביי אונדז, אין זאַל „לו־טעציאַ" האָט דער טויזנט־קעפּיקער עולם זיך ספּאָנטאַן אויפגעשטעלט פאַר לייוויקס כבוד וועגן, ווען ישראל עפרויקין האָט אים געגעבן דאָס וואָרט. מיר האָבן אים אויך צום ערשטן מאָל געהערט לייענען „די צוויי ווילבערנע בעכערס", וואָס גיט איבער די טראַגעדיע אָבער אויך דעם שטאָלץ פון אַ מאַמען וועלכע האָט פאַרלוירן אירע צוויי זין, פאַר דער באַ־שאַפונג פון יידן־היימלאַנד — ישראל.

ווער קען אויך פאַרגעסן יענעם פייערלעכן מאָמענט אין ירושלים, וועגן וועלכן מיר האָבן נאָר וואָס געהערט — ווען די שענסטע פאַרשטיי־ער פון דער גייסטיקער יידישער וועלט האָבן זיך אַלע ווי איינער אויפ־געשטעלט פרן כבוד־וועגן פון לייוויקן ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין היסטאָרישע רעדע וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט.

דער לעגאַנדאַרער, חלוצישער פּירער, טאַבענקין, קריגנדיק דאָס וואָרט, האָט דעמאָלט מער־ווייניק אַזוי געזאָגט:

איך שטיי איצטער אויף דעם קדושהדיקן אָרט וואו עס האָט נאָר וואָס גערעדט ה. לייוויק".

אויך מיר דאָ, היינט, געפינען זיך אויף אַן אָרט, וואו מיט קנאַפּע 13 יאָר צוריק האָט לייוויק געשפּאַנט. דאָ האָט ער געוואוינט אין שכנות פון דעם זאַל. דאָ האָבן עטלעכע באַגייסטערטע פאַרערער זיינע, יידישע שריי־בער געקומענע פון די גהינומס און נע ונדן — זיך צוגעהערט צו זיין גע־לייטערס וואָרט; שפּאַצירט מיט אים צוזאַמען איבער די וועגן פון רע־רעפּובליק צו אָפּעראַ, סאַקרע קער און אייפל־טורעם; אויף אַ שפּאַציר קיין ווערסיי.

און זאָל מיר פאַרגעבן ווערן פאַרוואָס איך קען זיך אויך איצטער נישט באַהערשן נישט צו דערמאָנען, וועגן אַ ביטערן פאַקט, וואָס דריקט שווער אַלע דרייצן יאָר און מאַטערט מיך אויך איצט, ווען איך ברענג דאָס אַרויס פאַר אייך.

אויך דעמאָלט, שפּאַצירנדיק מיט לייוויקן, האָט עס אַזוי שווער ווי געטון:

— פאַרוואָס דרייט זיך קיינער נישט אויס און ווייזט נישט נאָך מיטן פינגער: „דאָרטן גייט לייוויק!״

וואו זענען זיי געווען די אַלע פון דער יידישער גאַס וואָס האָבן גע־דאַרפן קענען זייער גרויסן דיכטער?

— וואָלט עס מעגלעך געווען אין וואַרשע, לאָדזש, ווילנע? מיין קליין שטעטל אָזאָרקאָוו אָדער אַ קוטנע? זשעטל אָדער אַלעקסאַנדער?

אוודאי, אין אַן עפּאָכע פון רעשיקער רעקלאַמע, פון ווענדעטיזם, וואָס פאַרשרייט די גאַס מיט נאַקעטער אויסגעהוילקייט — האָט מען נישט דער־קענט דעם גרויסן דיכטער־מאַנער, דיכטער־וויזיאָנער, דעם געפּייניקטן פון טרעבלינקע, ווען ער איז אַפילו דאָרטן נישט געווען.

פאַרוואָס איך דערצייל עס גראָד אויך איצטער? — אַז די דערמאָ־נונג זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מאָנונג צו אייגענער דערהויבנקייט.

ווייל אמתדיק בלייבט דאָך סיי ווי סיי יענער אויפצייטערנדיקער אויסגעשריי צום קראַנקן דיכטער.

„לייוויק, אַ פאָלק וואַרט אויף אייך!״

אַזוי איז דאָך געווען דער פולער אמת.

ווייל די פאַרערונג און באַגייסטערונג פאַר אים איז דאָך געווען גרויס. זי איז געווען ביי די מענטשן פון גייסט, וועלכע האָבן אומעטום געזוכט — צו קוקן אין זיין ליכטיק פּנים אַריין, און צו הערן זיין געליי־טערט דערהויבן וואָרט.

איצטער וועלן מיר נאָכאַמאָל לערנען די ווערק פון לייוויקן זיך צו שטאַרקן אויך אין אונדזער צער.

פּאַריז, 22. 1. 63.

מאַנעס שפּערבער

דער דיכטער פון זיין פאלק

אַלס שרייבער, וואָס שרייבט נישט אין יידיש און נישט אין העברע־איש, קום איך אָפּגעבן כבוד דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער ה. לייוויק, אין נאָמען פון אַ סך פון מיינע פריינד און קאָלעגן, יידישע און נישט־יידישע שרייבער.

ווי עס איז אָפט דער פאַל מיט גאָר גרויסע שעפערישע מענטשן, איז לייוויק געווען אַ מוסטער דורך זיין לעבן און דורך זיין ווערק. עס איז דאָ אַן ענגער צוזאַמענהאַנג צווישן זיין ביאָגראַפיע און זיין דיכטונג. דער שייכות האָט אַ גאָר פשוטן און דאָך סימבאָלישן נאָמען א מ ת.

דער יונגער בחור פון דעם בידנעם הויז, וועלכער האָט געוויילט דעם וועג פון אַקטיוון רעוואָלוציאָנער און וואָס האָט אים געפירט אין דער צאַ־רישער קאַטאָרגע. דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, וואָס האָט געהאַט דעם מוט זיך צו באַפרייען פון די אילוזיעס פון אַ דעפּראַווירטער, מערדערישער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער רעוואָלוציע — אָט דער מענטש איז געוואָרן געטרוי דער זעלבער, ווי מיר זעען אים אין יעדן פון זיינע לידער, אין יעדער פון זיינע דראַמעס, אין יעדער שריפט זיינער.

עס איז אַ הייליקער חוב באַקאַנט צו מאַכן סיי דעם דיכטער און זיינע

הערק און סיי דעם מענטש לייוויק און זיין פּערזענלעכע געשיכטע צו די נישט־יידישע לייענערס אין דער גאַנצער וועלט. איך זאָג צו, אַז איך וועל זיך באַמיען צו העלפן דערין ווי ווייט נאָר מעגלעך.

לייוויק איז טויט זייט 30 טעג. זייט 30 טעג האָט ער אָנגעהויבן זיין נייע עקזיסטענץ, וואָס וועט זיין באַוואָרנט בעסער ווי זיין גוף איז עס געווען.

דאָס יידישע פאָלק וועט לעבן. יידיש וועט לעבן. די יידישע ליטעראַ־טור וועט לעבן און געדייען. און אין מיטן פון דעם אַלעם וועט בלייבן לעבעדיק דער יונגער קאַטאָרזשניק און אַלטער דיכטער פון זיין פאָלק און פון אונדזער צייט — ה. לייוויק.

י. פוגאַטש

מיטן צער פון דער וועלט

(רעפעראַט)

עדות דערציילן: ווען דער דאָקטאָר וועלכער האָט בייגעוואוינט שלום עליכם׳ס לעצטע מינוטן, האָט מער נישט געהערט קלאַפּן דאָס האַרץ פון אונדזער קלאַסיקער, האָט ער זיך צעוויינט.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע געוויין פונעם גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו.

מיר אַלע אומעטום, האָבן דעמאָלט געפילט אַז ס׳איז פון אונדז אַוועק נישט בלויז אַ גרויסער שרייבער, נאָר מער: אַ גוטער, האַרציקער פריינד אונדזערער.

אַזאַ געפיל האָבן מיר געהאַט ווען ס׳איז צו אונדז דערגאַנגען די טרויעריקע ידיעה וועגן ה. לייוויק.

דער הייַנטיקער אָוונט באַצייכנט די שלושים פון דער פטירה. און איר האָט זיכער אַלע געלייענט אַז דער גאַנצער חודש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ווי אַ טרויער־חודש. אַ טרויער נאָך ה. לייוויקן.

פאַרוואָס אַזאַ אויסערגעוויינלעכע פּראָקלאַמאַציע?

די גמרא דערציילט, אַז אין די ביטערע יאָרן נאָך דעם חורבן בית שני, ווען די גרוילעכסטע גזרות האָבן זיך געשאָטן אויף דער אומגליק־לעכער יידישער באַפעלקערונג פון ארץ ישראל, איז אַ דעלעגאַציע, מיט רבי עקיבא בראש, געפאָרן קיין רוים כדי צו פועלן מען זאָל כאָטש מיל־

דערן די גזרות. ווי די רוימער פלעגן זיך באַציען צו דעלעגאַטן פון באַזיגטע פעלקער, קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלן. אָבער די יידישע פאָרשטייער האָבן אימפאָנירט די רוימער מיט זייער ווירדיקער האַלטונג און ביז גאָר איידעלע מידות. די גמרא שטרייכט אונטער אַז אַזאַ האַלטונג איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן פאָלק.

אָט די אוראַלטע עכטע יידישע מידות וועלכע זענען אונדז אַזוי איינגעבוירן אין האַרצן, האָט פאַרמאָגט ה. לייוויק.

מיר ווייסן אַלע אַז צו אָפט,ליידער, קומט אונדז אויס צו קאָנסטאַטירן די סתירה צווישן די שאַפונגען פון אַ שרייבער און זיין לעבן. אַפילו ביי די גרעסטע מייסטער געפינט מען זעלטן אַ האַרמאָניע צווישן דעם שרייבער און מענטש.

ביי לייוויקן איז די האַרמאָניע געווען. גיט דאָס צו נאָך מער חשיבות זיינע ווערק און זיין פערזענלעכקייט.

די וועלכע האָבן אים געקענט, פילן עס. נאָך מער די וועלכע האָבן אים ווען ס'איז געהערט און בפרט די וואָס האָבן געהאַט די זכיה מיט אים זיך צו טרעפן.

איך געדענק מיינע באַגעגענישן מיט דער גרופע פראָמינענטע יידישע שרייבער פון ניו־יאָרק, מיט עטלעכע יאָר צוריק. ס'איז געווען אַ פּאָר טעג פאַר דער פטירה פון שמואל ניגער ז״ל. די צוויי הויפּט־פיגורן פון יענער גרופּע זענען טאַקע געווען שמואל ניגער און ה. לייוויק. צוויי זיילן פון דער יידישער ליטעראַטור, אַלטע חברים וועלכע האָבן זיך באַקאַנט אין די פינפער יאָרן, ווען ביידע זענען געווען אַרעסטאַנטן אין דער מינסקער טורמע... זייער ביידנס גלייכגילטיקער אינטערעס פאַר אַלץ וואָס רירט אָן אונדזער פאָלק, פלעגט מיך יעדעס מאָל דורכנעמען.

לייוויק איז געווען שטילער, דיסקרעטער, ער פלעגט ווייניק רעדן, אָבער זיינע אויגן פלעגן טיף ערנסט נאָכפאָלגן די דעבאַטן און זיין זילבערנער קאָפּ פלעגט ענערגיש צושאָקלען אויף ניין.

אָט דעם טאָטאַלן אָנטיילנעמען אין די יידישע און אין די מענטשלעכע זאָרגן, האָט כאַראַקטעריזירט לייוויקן פון קינדערווייז אָן. דערמיט קען ער באַטראַכט ווערן ווי אַ אויטענטישער יורש פון אונדזערע אַלטע

נביאים וועלכע האָבן אַזוי בולט אויסגעדריקט און אַזוי מייסטעריש פאַר־אייניקט אוניווערסאַליזם מיט יידישער אייגנאַרטיקייט.

איינגעזאַפּט אין זיך דעם יידישן געדאַנק, די יידישע טראַדיציעס, איז דאָך לייוויק אַוועק אין קאַמף פאַר דער אַלגעמיינער פרייהייט אין דעם צאַרישן רוסלאַנד. און מיט וועלכן מוט, מיט וועלכן אימפּעט, מיט וועלכער ווירדיקייט! ווען מען האָט אים געבראַכט פאַר זיינע ריכטער, האָט ער זיי געגעבן פאָלגנדיקע דעקלאַראַציע: „איך טו אַלץ וואָס איך קאָן כדי אַרונטערצוּוואַרפן די צאַרישע זעלבסטהערשאַפט, די בלוטיקע תּליונים, מיט אייך צוזאַמען!”

דאָס באַצייכנט אַ מענטשן. אַזאַ לשון קאָסט שפּעטער — לאַנגע עטאַפּן געשמידט אין קייטן מיט אַן אורטייל פון אייביקער פאַרשיקונג קיין סיביר...

אָבער אַז לייוויק באַווייזט, נאָך אומגעהויערע מאַטערנישן זיך צו באַפרייען און דערזעט אין אַ צייט שפּעטער וואָס פון זיין רעוואָלוציע איז געוואָרן, דערשרעקט ער זיך!

דאַן ווערט פאַרטיפט אין אים די יידישע וועלט־אַנשויאונג, דער יידישער אופן פון אויסלייזן די וועלט, פון דער גאולה. און זיין טיף מענטש־לעכער און ריין־יידישער הומאַניזם נעמט אים דורך און דריקט זיך אויס הן אין זיין שאַפן, הן אין זיין לעבן.

זיין חשבון־הנפש ווערט געמאַכט אָן קאָמפּראָמיסן. ער האָט קיינמאָל נישט קיין מורא צו זאָגן דעם אמת, ווי ביטער ער זאָל נישט זיין, סיי דער וועלט, סיי זיך אַליין. „מיר האָבן געמאַכט אַ טעות — איז ער זיך מודה, — אין גאַנג צו דער גאולה פון דער מענטשהייט, האָבן מיר פאַרזען דעם מענטשן!

נישט בלויז אַנטגילטיקער, גראַנדיעזער אָבער צו־ווייטער ציל פּייניקט אים, נאָר אויך די מיטלען צו דערגרייכן אָט דעם ציל.

און הערט ווי ער פירט אויס!

„אַן אויסוועג איז דאָ פאַר מענטשן, נאָר מען דאַרף גיין מיט אַ מענטשלעכן וועג.”

„ווייל פונעם געשמיסענעם קאָן ווערן אַ שמייסער.” און דאָס ווערט

די הויפּט־טעמע פון זיינע אומצייליקע לידער. זיינע דערפּאַלגרייכע דראַ־מאַטישע ווערק און זיינע אומפּאַרגעסלעכע רעדעס.

ער ליידט פון די פאַרמען וואָס עס נעמען אָן די פרייהייטס־באַוועגונגען ווען זיי קומען צו דער מאַכט. נאָך מער ווייטיקט ער פון דער פּינ־סטערער, גרויזאַמער רעאַקציע און גאָר באַזונדער, ווען דער הויפּטציל און די הויפּט-קרבנות זענען די יידן. ער האָט שאַרף געוואָרנט די שרייבער־מיט געוואַלטיקער פּאַטעטישער קראַפט אַרויסגעבראַכט דעם פּיין פון אונדזערע קדושים.

ער האָט געליטן און זיך ממש געשעמט וואָס ער אַליין האָט יענעם גהינום ניט דורכגעמאַכט. זיין באַרימטע לידער־זאַמלונג: „אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען", טרייסלט אויף. יעדעס מאָל ווען מען לייענט עס.

זיינע „היטלער נעכט־מאַטיוון" האָבן אים נישט געלאָזט רוען. ביי אים איז פאַרבליבן אַ שולד־געפיל. זיינע אויסגעווייטיקסטע פּאָעמען האָבן ביי אים אויסגעזען ווי נאָר „ווערטער, ווערטער!"

באַלד נאָך דער מלחמה האָט ער געמאַכט אַ רייזע דורך די וויסטע דייטשישע „קאַצעטן", כדי אַליין צו זען דעם חורבן. אָבער דורך זיין „אַ חתונה אין פערנוואַלד" ברענגט ער אַרויס דעם נס פון לעבן — פון ווייטער לעבן.

ה. לייוויקס אייגענער לעבן איז אַ נס געווען. ער האָט געליטן פון הונגער, נויט, אכזריות. זיין גוף איז געווען געפּייניקט נאָך פון זיין יוגנט ביז אין עלטער. נישט איינמאָל האָט ער זיך שוין געהאַט מיט זיין לעבן געזעגנט. ליגנדיק אין דענווער סאַנאַטאָריום, האָט ער מיט יאָרן צוריק אָנגעשריבן אַ ליד וואָס מען לייענט עס יעדעס מאָל מיט אַ ציטער:

אַ העלער באַגינען איבער מיר ליגט פאַרשפּרייט: —
עפן זיך פונאַנדער ערד,
זיי געגרייט פאַר מיר,
ווי איך בין פאַר דיר געגרייט: —
לייטער אויס דיינע שטויבן פאַר מיר,
ווי איך האָב אויסגעלייטערט פאַר דיר מיינע גלידער.
זע ערד,
אָט לייג איך זיך אויף דיר אַנידער.

מיינע אַלע פֿאַרלאַנגען זענען מקוים געוואָרן
מיינע אַלע געבעטן זענען געוואָרן דערהערט,
און אַלע מיינע זינד און אַלע פֿאַרברעכנס,
האָב איך פֿאַר דער וועלט ווי אין אַ ווידוי אויסגערעכנט״.

לייוויקס נשמה האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן. געבליבן איז זי אַ ווירדיקע, אַ לויטערע. קעגן אַלץ וואָס באַליידיקט, וואָס דערנידריקט, האָט לייוויק נישט אויפֿגעהערט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד. זיין שטענ־דיקע כוונה איז געווען צו באַווייזן: „די חשיבות פֿון דעם מענטשן וואָס ראַנגלט זיך קעגן דערנידערונג״. און באַזיגט זי און בלייבט אַ מענטש. אָט דאָס איז אפשר דער הויך־פּונקט פֿון זיין גייסטיקער צוואה.

און ווי איז מעגלעך נישט צו דערמאָנען זיין אומדערמידלעכן קאַמף פֿאַר יידיש און גאָר באַזונדער זיין אַרויסטריט לטובת דעם יידישן לשון אין ירושלים גופא? זיין שטעלונג צום ישוב איז דאָך געווען אַ ברידער לעכע, וואָס איז אויסגעדריקט אין פֿאַרשידענע לידער און באַזונדערס אין „צוויי בעכערס״, געווידמעט ישראל׳ס באַפֿרייאונגס־מלחמה. זיין הייסער וואונטש איז געווען צו פֿאַראייניקן ישראל מיט די תפֿוצות, העברעאיש מיט יידיש, כדי צוזאַמען ציען ווייטער די גאָלדענע קייט.

ה. לייוויק איז געשטאָרבן אין דעם זעלבן טאָג ווי ער איז געבוירן געוואָרן, צום דריטן חנוכה־ליכטל. איז פֿאַרבליבן אין טרויער די גאַנצע יידיש־רעדנדיקע וועלט. און אויך אַנדערע סעקטאָרן פֿון יידישן פֿאָלק.

האָבן מיר אַ לעגענדע וואָס פּאַסט זיך צו צו לייוויקן.

אין תשעה באב, דערציילט מען, פּונקט דעם טאָג ווען דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן, וועט אויך געבוירן ווערן משיח. און דער טאָג פֿון חורבן וועט אַזוי אַרום זיין דער טאָג פֿון גאולה.

לייוויק האָט געגלויבט אין דער גאולה — אין דער יידישער און אין דער אַלמענטשלעכער גאולה.

לאָמיר געטריי בלייבן אָט דעם עכט יידישן, עכט לייוויקשן געדאַנק. און לאָמיר אים איבערגעבן די ווייטערדיקע דורות. דאָס וועט זיין דער פּאַסיקסטער דענקמאָל פֿאַר ה. לייוויקן וועלכער איז געווען איינער פֿון די טייערסטע און שעפֿערישסטע זין פֿונעם יידישן פֿאָלק.

ב. שלעווין

ליידיק איז געבליבן דאס ארט

(רעפעראַט)

אונדזער פיל־געפּרוואוטע יידישע ליטעראַטור האָט באַגלייט צו זיין אייביקער רו איינעם פון די לעצטע גרויסע מאָנער אירע. דער טויט פון ה. לייוויק טרעפט אונדז באַזונדערס שווער אין די איצטיקע טעג. מיט דער גרייז־גרויער דיכטערישער געשטאַלט לעשט זיך אויס דער מאָראַלי־שער וועג־ווייזער אין אונדזער יידישן דור. ערשט נישט לאַנג נאָך, איי־דער דער לאַנגזאַמער טויט האָט אים צום לעצטן מאָל צוגעשמידט צום בעט, האָט די שטים זיינע הויך און שטאָלץ געמאָנט אונדזערע רעכט פאַרן פאַרפייניקטן יידישן וואָרט און יידישן שאַפן, אויפן אידעאָלאָגישן וויכוח אין ירושלים. לייוויק איז לאַנגע יאָרן געווען דער גערעכטער מאָנער פון דערשטיקטן יידישן וואָרט אין ראַטנפאַרבאַנד. ווי נביאותדיק קלינגען היינט די רייד לייוויקס, ווען ער האָט אויפן אַלוועלטלעכן יידישן קול־טור־קאָנגרעס אין פאַריז, אין סעפּטעמבער 1937, אויסגערופן און געמאָנט, פאַרוואָס די שטולן פון דער יידיש־סאָוויעטישער דעלעגאַציע זענען שטיינ־געבליבן ליידיק. ער איז געווען אונדזער געוויסן.

דיכטער, וואָס זיינען באמת גרויס, ווייל זיי טראָגן אַ גאַנץ לעבן אין זייער געמיט און אין זייער געוויסן די אחריות פאַר זייער וואָרט און פאַר זייער דור, קומען פון דער סאַמע טיפעניש פון פאָלק; זיי אידענטיפיצירן קודם כל זייער אייגן לייב־און־לעבן, זייער וואָרט, זייער וויזיע מיט שע־

פעריִשע מעשים, מיט אייגענער קרבנות־גרייטקייט. קיינער פּראָקלאַמירט זיי נישט און אוודאי פּראָקלאַמירן זיי נישט זיך אַליין. דערפאַר בלייבן זיי אייביק אין דער געדעכעניש פון פאָלק און פון דער ליטעראַטור.

אַזאַ גראָדן וועג אין לעבן, פון אייגענער קרבנות־גרייטקייט, פון פיין, פון הויכער עטישער נזירות, איז אַדורכגעגאַנגען ה. לייוויק — פון מענטשן־אויסלייזערישן קאַמף, דורך פינצטערע תפיסות, קייטן־קלאַנג, סי־ביר, ביז זעלבסט־פּייניקונג און שווערן געוויסן, אין פּלאָנטער פון סתי־רות פון מין מענטש. אַ גרויס, שטראַלנדיק ליכט שלאָגט פון ה. לייוויקס גאַנצן שאַפן. דער אייביקער צער האָט פאַרזיגלט זיין וואָרט. זיינע קלוגע דורכזיכטיקע פערזן רינען מאָנאָטאָן ווי דער רעגן; ער האָט קיין שפּראַך און פאָרם־פליטערלעך קיינמאָל נישט געזוכט; די גרויסקייט זיינע ליגט אויף אַ גאַנץ אַנדערע פלאַך.

ווען מען זיצט אין אַ שטילער שעה און מען בלעטערט מיט פאָרכט דעם ספר־לייוויק, פילט מען ווי ס'דרינגען טיף אַריין אין דיר די קלאָרע, דורכזיכטיקע, פילאָזאָפישע פערזן פון נאָסטאַלגיע, סך־הכל, הבל הבלים, פון באַדויער, פון פאַרגיין, אָבער אויך פון קרישטאָל־ריינעם, ערלעכן גלויבן. אין לייוויקן איז גערונען דאָס פילאָזאָפישע געמיט פון משה קול־באַק'ס ייִד, דעם וואַסער־טרעגער, וואָס שטייט אויפן דאַך פון ווילנער שול־הויף, דאָס בערדעלע פאַרריסן, און ציילט די שטערן. אין אים איז גערונען די ליטווישע אָרעמע יידישע לאַנדשאַפט, וואָס האָט אַזויפיל שיי־נע יידן געגעבן אונדזער יידישער גייסטיקייט.

מיט אָט דער טיפער יידישער וועלט איז לייוויק אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט געגאַנגען אין די שפּורן פון די רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער, אויף די וועגן פון סיביר. אין אונדזער געמיט זענען טיף איינ־געפּרעגט די שאַרפסטע איבערלעבונגען זיינע; ווייל אין זיינע טורמע־און קאַטאָרגע־יאָרן האָט ער דערקענט נישט בלויז די וועלט אַרום זיך, נאָר אויך זיין אייגענע וועלט אין זיך. ער איז שוין דעמאָלט קלאָר און קאָנ־סעקווענט געגאַנגען זיין וועג פון דיכטערישער שליח־ציבור־מיסיע. אָט די גרויזאַמע וועלט, וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט צו אים, האָט זיך פון ליי־וויקן דאָס גאַנצע איבעריקע לעבן זיינס נישט אָפּגעטון. די וויזיע האָט שטענדיק געלעבט פאַר זיינע אויגן. ער איז מיט פערד און וועגעלע אַנט־

לאָפּן איבער די סיבירער אומענדלעכע שניי־סטעפּעס, אָבער מיטגענומען אין דער וועלט אַריין האָט ער מיט זיך דעם סך־הכל פון מענטש, פון וועלט, פון זין פון אונדזער זײַן.

ווען ער איז אין 1913 געקומען אַנצולויפן פון סיביר אין יענעם עמיגראַנטישן שמעלץ־טאָפּ פון ניו־יאָרק, איז לייוויק צווישן דער דעמאָל־טיקער גרופּע „יונגע" באַלד אין אָנהייב אָוועקגעשטעלט געוואָרן אויף זײַן באַזונדערער דיכטערישער הויך. ביי דער גאַנצער אויסגעוואָרצלטקייט, איז די יידישע ליטעראַטור דעמאָלט געווען אין וואונדערלעכן שטייגן. ס'האָט זיך שוין אין קאַלטן, אומברחמנותדיקן ניו־יאָרק געהערט דאָס מעכטיקע געשריי פון הפקרן, ביז ציניזם, פאַרביטערטן משה לייב האַלפּערן; ס'איז אין זײַנע ווייכע שריט אַרומגעגאַנגען, פאַרוויקלט איך אַ רויך וואָלקן, דער עסטעט זישע לאַנדוי; ס'האָט דער סענטימענטאַלער מאַני לייב שטיל גע־זונגען זײַן בלוי אָוונט־ליד; י. י. שוואַרץ האָט שוין געחלומט זײַן גרויס עפּיש ווערק וועגן קענטאָקי. צו דעם אָרקעסטער פון נייע טענער, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער אויפגייענדיקער יידישער דיכטונג, האָט אויסגעפעלט די מיסטיק פון אונדזער געשיכטלעכן גאַנג, דער סאָציאַל־עטישער געראַנגל פון ייד און מענטש, אין לייוויקס דורכזיכטיקע סיבי־רער לידער.

ס'איז געווען די נייע פאָרם־און אינהאַלט־זוכעניש אין דעם באַרג־אַרויף־גאַנג פון אונדזער מאָדערנער יידישער דיכטונג, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אָפּגעריסן פון דוד איינהאָרנס „בעריאָזקעלע", פון „לעצטן בעל־תפילה פון אברהם רייזענס „מאי־קא־משמע־לן־", האָט זיך רעוואָל־טירט, און דערגרייכט וואונדערלעכע הויכן. צו דער יידישער ליטעראַטור של מטה האָט זיך אַנטפּלעקט די יידישע ליטעראַטור של מעלה, מיט די אייביקע פּראָבלעמען פון וועלט און מענטש.

לייוויקס שווער, פּראָלעטאַריש לעבן אין פיל־מיליאָניקן ניו־יאָרק פון יידישער עמיגראַציע, האָט אים נאָכמער געלייטערט. ער האָט זיך, ווי אַ סך פון די דעמאָלטיקע יונגע, שווער געמאַטערט ביי שניידעריי, ביי שטובן־מאָלעריי. ער האָט דורך אייגענער ערלעכער מי דערקענט דאָס געמאַטערטע לעבן פון יידישן עמיגראַנט, פון יידישן אַרבעטס־מאַן, אין די באַדינגונגען פון שוויץ־שעפּער און עקספּלואַטאַציע; און דאָס האָט

אים נאָכמער און אויף אייביק פאַרבונדן מיט די אידייען אויסצולייזן דעם מין מענטש.

אונדזער צווישן־מלחמהדיקער יידישער דור האָט זיך אויפגעהאָדע־וועט אויף לייוויקס דורכגעוויטיקט, דורכגעליטן וואָרט. מיר, אין דעם אַמאָליקן פוילן, האָבן אין לייוויקס וויזיע דערזען די הייליקע שיין פון מאַרטירער, וואָס האָבן זייער לעבן און זייער פרייהייט אַוועקגעגעבן, כדי צו ברענגען די פרייהייט פאַר אַלעמען. אין אונדזער געמיט זענען איינ־געפרעגט די שורות:

אויף טייכן סיבירער קען עמיץ נאָך איצטער געפינען,
אַ צייכן, אַ שפּענדל פון מיינס אַ דערטרונקענעם פליט.
און וואַלד — אַ פאַרבלוטיקט־פאַרטריקנטן בענדל,
אין שניי — איינגעפרוירענע טריט.

אומפאַרגעסלעך איז, ווי אַזוי לייוויק האָט געקענט אַזוי טיף דורכ־לעבן די ליידן פון נתן ניומאַן, פון אַבעלאַר און העלאָיז און אפילו פון „אַ קראַליקל מיט רויטע אויגן", וואָס דינט צו וויסנשאַפטלעכע עקספּע־רימענטן:

פאַרגיב מיר, קרבן,
וואָס כ'קוק אַריין
אין אויג אין דיין,
פאַרגיב מיר, קרבן.

אין זיין געוואַלדיקן פאַרמעסט מיטן „גולם" איז שוין געלעגן די מענטש־ און ייד־אויסלייזערישע אידייע. לייוויקס שייכות צום סאָציאַליזם, זייט זיינע ערשטע טריט, ווען ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין רעוואָלוציאָ־נערן, אונטערערדישן „בונד", ביי אַלע זיינע שפּעטערדיקע אידייאישע פאַרוואַנדלונגען און דערקענטעניש, איז אַ פיל טיפערע, ווי מען נעמט געוויינלעך אָן. אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו באַרימטע טעאָרעטיקער און פירער פון אַרבעטער־קלאַס, האָט לייוויק מיט זיין דיכטעריש־נביי־אותדיקער וויזיע געגרייכט און געזען אַ סך ווייטער און אַ סך טיפער. וויל ער האָט דערזען — דעם מענטש; דעם מענטש, וועלכער איז דער־נאָך, אין אַמביציעזן גאַנג צו ברוטאַלער מאַכט, פולשטענדיק פאַרגעסן

„דער גולם״ — **פראָלאָג** — „הבימה״ **תל אביב**
אַרטיסטן: **חנה ראָווינאַ** — משיח, **אפרתי** — אליהו.

„ש אַ פּ" פון ה. לייוויק — מאַסנסצענע אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ'ס קונסט־טעאַטער.

„אַ חתונה אין פערנלאַנד" פון ה. לייוויק — מאַסנסצענע אויס־געפירט דורך דער „יידישער פאָלקס־בינע" אין ניו־יאָרק.

געוואָרן. נישט אומזיסט האָט די יידישע אַרבעטער־מאַסע אין פּוילן, אין די 20־ער יאָרן, לייוויקן אויפגענומען און אים דערזען אַן אייגענעם, אַ לייבלעך־נאָענטן. מען קען היינט זאָגן, אַז די יידישע אַרבעטער־מאַסע האָט אין אים אינסטינקטיוו דערפילט דעם גרויסן אמת־סאָציאַליסטישן הומאַניזם, וואָס ליגט פאַרבאָרגן, נישט דווקא אויבן אויף, און דרינגט אַרויס פון לייוויקס גרויס — אפשר גרעסטע — ווערק, „דער גולם". אַזוי אויך האָבן מיר דעם „גולם" געזען פאַרקערפּערט אויף די יידישע בינעס. ס׳איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל, צו דער אוניווערסאַלער דראַמע פון אונדזער צייט. די „גולם"־לעגענדע, דער מהר"ל פון פּראָג, איז פאַר לייוויקן געווען נאָענט פאַרבונדן מיט דער נביאים־וויזיע, וואָס לעבט אין יידישע הערצער און מוחות, אין זייער אוראַלטער שטרעבונג צו ברענגען די וועלט־דערלייזערישע גערעכטיקייט פאַר זייער פאָלק און פאַר אַלע פעלקער אויף דער ערד. דער מהר"ל פון פאַרצייטישן געטאָ־פּראָג האָט שאַפנדיק דעם גולם, געוואָלט באַשיצן די עדה יידן פון פאָגראָמען, עלילת־דם, פון מאָרד און רויב. ער האָט געזוכט די העכערע גערעכטיקייט. אָבער דער גולם, מיט דער האַק אין דער האַנט, איז אומגעריכט אין לייוויקס וויזיע אויסגעוואַקסן צום סימבאָל פון אונדזער קאָמפּליצירטער רעאַליטעט. איינער קעגנאיבערן אַנדערן שטייען זיי — דער באַשעפער פון גולם, דער מהר"ל פון פּראָג, און די ברוטאַלע קראַפט, דער גולם. דער מהר"ל איז דערשיטערט. ער דערשרעקט זיך פאַר דערווילדער ברוטאַלקייט, וואָס ער אַליין האָט זי געהאָלפן באַשאַפן; די ברוטאַליטעט, וואָס איז גרייט אומצובארענגען סיי דעם מערדער און סיי דעם קרבן.

אַזוי ווייט און אַזוי טיף האָט געגרייכט לייוויקס נביאות, ווי מיר האָבן עס דערזען אַזוי טרויעריק־קלאָר אין אונדזערע טעג; די האַק, מיט וועלכער מען וויל אויסלייזן דעם מענטש, לייזן אַלע סאָציאַלע פּראָבלעמען, האָט נישט אויסגעמיטן אויך די, וואָס האָבן די האַק באַשאַפן.

פון אָט דעם מענטש־דערלייזערישן גולם־מיטאָס איז דערנאָך לייוויק דערגאַנגען ביז צו זיין גאולה־קאָמעדיע — משיח ליגט געשמידט אין קייטן אין די טויערן פון רוים. איבער אים איז אָבער אויסגעוואַקסן אַ נייער רשע, אַ דעמאַגאָג, וואָס ווייסט ווי אַזוי מיט הויכע פראַזן צו געווינען דעם המון, די מאַסע; צו אים, נישט צום אויסלייזער, הערט מען זיך צו.

דער צווייפל פון דיכטער, דאָס טראַגיש סתירהדיקע, וואָס ליגט אין

דער מענטשלעכער באַפרייאונג, אין גאַנג צו אַ וועלט פון כולו זכאי, האָט אים אַלץ ווייטער געפירט צו פאַרטיפן זיך אין געשיכטלעכן גאַנג אונדזערן.

לייוויקס דראַמען „הירש לעקערט" און „קייטן" — שטיקער פלאַמיקע געשיכטע פון העלדישן רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער־קאַמף, פון רעוואָלוציע גופא, וואָס האָבן זיך אָפגעשפּילט פאַר די אויגן פון אונדזער דור כמעט — האָבן אין יענע יאָרן אַרויסגערופן נישט ווייניק בייז בלוט ביי די קאַזיאָנע קריטיקער. זיי האָבן דאָרט נישט געפונען די באַמבאַסטישע גלאָריפיצירונג, די בלינדע ראָמאַנטיזירונג פון רעוואָלוציאָנערן כוח. אַנשטאָט דעם, האָט דאָרט לייוויק ווידעראַמאָל זיך פאַרטיפט און דערגרונטעוועט צו דער גרויסער סתירה אין מענטש גופא — דעם זיגער און דעם באַזיגטן, דעם קרבן, וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין תליון. עקדה, קידוש השם, דער אויסלייזער, וואָס איז געשמידט אין קייטן.

שפּאַנט דער גרייז־גרויער דיכטער איבער צייטן און דורות און דעקט אויף די אייביק זיך איבערחזרנדיקע טראַגיק אין מענטש. אַזאַ שפּאַנען איבער געשיכטלעכע עפּאָכעס איז שפּעטער אויך געווען זיין דראַמע „דער מהר"ם פון ראָטענבערג". לייוויק האָט געשריבן די דראַמע, און נאָך אַנדערע אונטערן דירעקטן דערשיטערנדיקן רושם פון די יידן־שחיטות אין אונדזערע טעג. אים האָט געמאַטערט דער אייביקער „פאַרוואָס" פון „אייביקן ייד", פון אייביקן פּאָגראָם, און די זעלבסט־פּייניקונג, פאַרוואָס ער איז „אין טרעבלינקע נישט געוועזן". יידישע קאַצעטלער טראָגן זיך געשיכטלעך אַריבער אין מיטלאַלטערלעכן מיינצער געטאָ פון 13־טן יאָרהונדערט; ס'איז די צייט פון די קרייץ־טרעגער, וואָס האָבן אויפן וועג צום קבר פון זייער אויסלייזער, אויסגעשאָכטן גאַנצע יידישע קהילות, און די יידישע קאַצעטלער, אין זייערע צעפּאַסעוועטע מלבושים, דערזעען זיך דאָ מיטאַמאָל ווידער אין אַנבליק פון פּאָגראָם; אומעטום, וואו זיי שפּאַנען, איז פּאָגראָם. דאָס ביסל רו וואָס מען גיט אונדז, איז, הייסט עס, נאָר אַן איבעררייס צווישן צוויי פּאָגראָמען, וואו איז דער אויסוועג וואו איז די אויסלייזונג?

לייוויק האָט קיין ענטפער דערויף נישט געגעבן. אָבער צי דרינגט נישט דער ענטפער אַרויס פון די געשטעלטע פּראָבלעמען?

זיין האַרץ האָט געבלוטיקט. ער איז אַליין איינער פון די ערשטע

געקומען צו דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד, אין די לאַגערן, צו ברענגען זיי דאָס טרייסטנדיקע וואָרט. דאָ, צווישן די רעשטלעך פון יידן־פּאָגראָם, איז אויך געבוירן געוואָרן זיין מיסטעריע „אַ חתונה אין פערנוואַלד”. ער ברענגט אַריבער געשיכטלעכע און לעגענדאַרע יידישע העלדן, מיטצופרייען זיך אויף דער חתונה. ס'איז די טרייסט פון פאַר־זעצן דאָס איבערגעשניטענע לעבן.

אין דעם אפשר ליגט דער גרויסער פאַרענטפער און די טרייסט פון דיכטער: צו־להכעיס אַלע שונאים, פאַרזעצן דאָס לעבן. אויך ער אַליין האָט זיך מיטגעפריידט אָבער אין זיין פרייד איז ווי אַלעמאָל, געווען אויסגעמישט, זיין גרויסער צער. ער האָט נישט אויפגעהערט צו זוכן דעם באַשייד. דאָס איז דער תוך, וואָס גייט אַדורך דורכן גאַנצן ווערק פון לייוויקן — דאָס געפיל פון שולדיקייט, פון העכסטן צאַפּל פון גערעכטי־קייט פון מענטש קעגנאיבערן מענטש

דער פרוכטלאָזער געראַנגל אין דער יידישער קולטור־וועלט האָט לייוויקן נישט צורו געלאָזן, ער האָט גערופן און געמאָנט. ער האָט נאָכאַנאַנד געפרעגט מיט אַנגסט וואוהין מיר גייען. בעת זיין לעצטן אַרויסטריט אויפן אידעאָלאָגישן כינוס אין ירושלים האָט הויך אָפּגעהילכט זיין שטים: „איך פאַרזענלעך בין שוין גאַנץ מיר פון אונדזערע קולטור־און שפּראַך־טראַגיזמען. איך בין צו שטאָלץ היינט צו מאָנען ביי יידן כבוד פאַר יידיש. , איך ווייס אויך, אַז מיר אַלע ווער מיר זאָלן נישט זיין, זענען נישט די לעצטע פוסקים און אַנטשיידער. נישט מיר — דער צד, צי יענער — זענען די פולע אַבסאָלוטע האַרן איבער אונדזער געשיכטע, אפילו ווען מיר זענען יאָ אין געוויסע מאָמענטן אירע מייסטערס און בוי־ערס עס איז דאָ אַ העכערע קראַפט איבער אונדז”..

דאָס אָרט פון לייוויקן אין אונדזער לעבן און אין אונדזער ליטע־ראַטור איז פאַרבליבן ליידיק. ער האָט איבערגעלאָזן פאַרערער, אפשר חסידים אָבער נישט קיין תלמידים בלב ובנפש, און פון זיין פאַרנעם, וואָס זאָלן גיין אין זיינע פוס־טריט.

באַערנדיק היינט דעם אָנדענק פון ה. לייוויק, וועלכער האָט פאַר־יתומט אונדזער פיל־געפרואווטע יידישע ליטעראַטור, לאָמיר זיך אַליין פרעגן מיט גרויס אחריות: — וואוהין גייען מיר?

ש. שווייצער

דאָס געוויסן פון דור

...אַזעלכע עכטע דיכטער זענען נישט קיין טאָגטעגלעכע דער־שיינונגען. זיי אַנטפּלעקן זיך זעלטן ביי אַ פאָלק און דערשיינען דער עיקר אין תקופות פון איבערגאַנג, פון נאַציאָנאַלע אָדער סאָציאַלע קריזיסן. זיי געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון גייסטיקע ריזן ווי ס׳זענען בשעתּם ביי אונדז געווען די נביאים. וואויל איז דעם דור, וואָס איז אין אַזאַ קריטישער איבערגאַנגסצייט זוכה צו פאַרמאָגן צווישן זיך אַזאַ גייסטיקן ריז, וואָס קען אים דינען ווי אַ מוכיח, ווי אַ מורה דרך, ווי אַ שטראָפער אָדער ווי אַ טרייסטער. אָן אַזאַ גייסטיק־דערהויבענע געשטאַלט וואָלט דער דור אָרעמער, פאַרלאָזטער געווען. מיט אים פילט ער זיך זיכערער, געהויבענער.

אַזאַ גרויסער אמתער דיכטער, אַזאַ גייסטיקער ריז איז פאַר אונדזער דור פון אומקום, פון ספיקות און פון ראַנגלענישן געווען — ה. לייוויק.

לייוויקס טיפער ווייטיק פאַרן פיין פון קרבן, זיין כסדרדיק באַ־טאָנען די הייליקייט פון דער עקדה טאָר בכן בשום אופן נישט אויסגע־טייטשט ווערן ווי אַ מין נייגונג צו אַפּאַטיע און צו אָפּהענטיקייט, צום שלום מאַכן מיטן ווייסטן גורל.

דאָס איז ספּעציעל אמת וואָס שייך לייוויקס קוק אויפן היסטאָרישן יידישן גורל. לייוויק איז טיף דורכגעדרונגען מיט דער טראַגישקייט פון דעם יידישן גלות־גורל, מיט דעם קרבן־מצב זיינעם אין אַ וועלט פון רש־עים און באַצווינגער.

ווען ער האָט אין יאָר 1932 אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם זיינע „לידער

פון אומקום״, האָט ער געפונען פאַר נויטיק צו מאַכן אַליין זיינע באַוואַ־רעניש: „...אומקום האָט באַטייט און באַטייט פאַר מיר אויך איצט גורל־דיקע אויפטרייסלונג אין סאָציאַלן, פערזענלעכן, און, מער פון אַלץ, אין געשיכטלעכן יידישן לעבן, וואו די אויפטרייסלונג טראָגט אַ קאַטאַסטראָ־פאַלן כאַראַקטער... מיט פריידיקן פעסימיזם אין פינצטערן אונטערגאַנג האָט עס אַוודאי נישט צו טאָן, יעדע איבערלעבונג, אויב דורך וואָרט גע־לייטערט, פאַרבלייבט אין האַרץ פון מענטשן און ווירקט אין לעצטן רע־זולטאַט ווי אַ סטימול פון מוטיקייט און עקשנותדיקן קאַמף פאַר אַ נייעם לעבן״...

איז דעריבער קיין וואונדער נישט, וואָס לייוויק האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ טיפן אינטערעס און אַזאַ צוגעבונדנקייט צו ארץ־ישראל און ספּעציעל צו דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט אין דעם אַלט־נייעם פאָטערלאַנד פאַרלייגט די יסודות פאַר אַ נייעם שעפערישן לעבן פאַר אונדזער געפייניקט פאָלק. שוין אין 1937, ווען דער דיכטער איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין ישראל, האָט ער דאָס ישראלדיקע לעבן אויפ־גענומען „ווי אַ חלק פון זיין אייגן לעבן״. „דאָ, אין ישראל — האָט ער דאַן געזאָגט — דורך אויסהאַקן די פעלזן, פאַרבינדט זיך די יוגנט מיט אַ דערהויבענעם חלום: אַרויסהויבן אַ נייעם מענטש, נייע געשטאַלטן... דאָס איז אַ לעבן פון שאַפן און באַשאַפן״.

און ווען די מדינה איז געשאַפן געוואָרן, איז לייוויק געוואָרן איי־נער פון אירע געטרייעסטע אָנשפּאַרן. „יידן אין מדינת ישראל און יידן איבער דער גאָרער וועלט — זיי זענען אַלע היינט דורכגעשטראַלט מיט דער שיין פון אַן אויפגעגאַנגענער גאולה־זעאונג — שרייבט ער צו די 10 יאָר פון דער מדינה. — אַלע יידן האָבן די זעאונג אויפגענומען און דערפילט אין זיך אַ ניי־פאַרשטאַרקטע בענקשאַפט צו ווערן אַ וואָס מער אויסגעשפּראָכענער גייסטיק־שעפערישער ישאומעטום וואו אַ ייד זאָל זיך ניט געפינען. זיין אי אַ טיף באַווירקטער פון דער גאולה־פאַרקומעניש, אי אויך אַ באַווירקער.

...אונדזער דור, וואָס איז אויסגעשטאַנען די פיינען פון פאַרלענדונג און איז אויך געווען עדות פונעם נס פון דעם אָנהויב פון אונדזער דער־לייזונג, האָט פאַרלוירן אין לייוויקן זיין אויסדערוויילטן וויזיאָנער. לייוויק איז געווען אונדזער אַלעמענס געוויסן, ער האָט געפילט, געליטן און גע־טרוימט פאַר אַ דור אַ גאַנצן.

באָרווין פרענקעל

מיט דער לאַסט פון שולדיקייט

מיר זיינען פאַראַבלט נישט בלויז צוליב דעם פאַרלוסט פון איינעם פון אונדזערע גרעסטע גייסטער און שעפער, פון איינעם, וואָס האָט אויפגעפראַלט נייע דרכים אין דער יידישער ליטעראַטור וואָס איז זיכער געווען פון דער גרויסער ליטעראַרישער עליטע פון אונדזערע קלאַסיקער, נאָר מיר באַוויינען אויך דעם מענטשן, דעם וואָס איז געווען דאָס געוויסן פון אַ פאָלק, פון אַ דור. און אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט אין גרויסע יסורים אין יאָרן לאַנגער גסיסה, האָבן מיר געפונען אַן אָנלען אין אונדזער מחשבה און באַוואוסטזיין, אַז דאָס געוויסן פון פאָלק איז צווישן אונדז, ווען אויך צעמוטשעט פון ליידן און פיין... היינט פילן מיר זיך ווי דאָס ליכט וואָלט פון אונדז געוואָרן אַוועקגעריסן...

...ה. לייוויק האָט מיט זיך פאַרקערפּערט די שלימותדיקייט פון זיין ווערק און דאָס וואָס איז נאָך שווערער, די וואַרהאַפטיקייט און ריינקייט פון זיין וועזן. זעלטן, גאָר זעלטן קען מען געפינען אַזאַ ביישפּיל פון סינטעז צווישן גייסטיקער יצירה, ליטעראַרישע אויסערונג און אַ ממשותדיקן לעבנס־קרעדאָ.

...לייוויק איז „אין טרעבלינקע נישט געווען", אָבער קיינער אַזוי ווי ער צווישן די לעבעדיקע מחברים און אויסדערוויילטע יידן, האָט נישט

אַזוי שטאַרק, טיף ווייטיקלעך מיטגעמאַכט אין זיין געמיט, אין זיין נשמה, אין הארץ. דעם דאָרנדיקן גהינם־וועג פון זיין פאָלק. און קיינער נישט אַזוי ווי ער האָט געפילט די לאַסט פון שולדקייט וואָס דער יידישער גורל האָט אים אויסגעמיטן. און ווער ווייס צי זיין לעצטער גאָלגאָטאַ וועג איז נישט געווען אַ רעזולטאַט פון זיין אייביקן צער, ווייטיק וואָס האָט געמי־נעוועט זיין שוין אַזוי אויך געגוג צעמוטשעטן און אויסגעמאַטערטן קער־פער. ווער ווייס?

ה. לייוויק, דיך, וואָס איך האָב בלויז איינמאָל געהאַט די זכיה צו זען און צו הערן אין אַ האָטעל שטיבל בעת דיין באַזוך אין פאַריז. דער איינ־דרוק און דיין פערזענלעכקייט, זענען אין מיר פאַרבליבן אין משך פון יאָרן, ווי איינע פון מיינע טיפסטע און שענסטע איבערלעבונגען פון מיין לעבן. דעם איינדרוק האָבן אַלע געהאַט, ווייל אין דיינע דלד אמות האָט זיך דער מענטש ווי געלייטערט. דאָס איז געווען דער כוח פון דיין גייס־טיקן און קינסטלערישן ווערב, דאָס איז געווען דער כוח פון דיין גרוי־סער מענטשלעכקייט און יידיש האַרץ.

יעקב גלאַטשטיין

אונדזער מאַיעסטעט

ה. לייוויק איז געווען די מאַיעסטעט פון דער יידישער ליטעראַטור. ס'זענען אים פאַראויסגעלאָפן, אומעטום וואו ער איז דערשינען, די טונ־קעלע טייטשן פון זיינע לידער און דער היפנאָז פון זיין פערזענלעכקייט. ער איז געווען דער באַרימטסטער יידישער שרייבער און ער האָט געווירקט, נישט נאָר מיט זיינע דראַמעס און לידער, נאָר אויך מיט זיין פובליציסטיק, וואָס האָט פאַרמאָגט דעם פאַטאָס פון זיין שעפערישער פען.

הונדערטער מענטשן האָבן זיך נאָכגעפרעגט אויף לייוויקן, בעת מיין באַזוך אין מדינת ישראל. לייוויקס אמתער מצב איז קיינמאָל נישט באַריכטעט געוואָרן אין דער צייטונג, אָבער אַלע האָבן געוואוסט, אַז לייוויקן איז באַפאַלן אַ שרעקלעכע קראַנקייט, וואָס האָט דאָס שעפערישע מויל און די שעפערישע הענט געשמידט אין אַ פיינלעך שווייגן, וואָס האָט דעם גרויסן קינסטלער געמוזט פאַרשאַפן ביטערע יסורים. ער האָט זיך אָפט געהייסן פאָרלייענען זיינע אייגענע לידער, ווי אַ הילפלאָזער שמשון, וואָס האָט געזוכט אין זיך אַליין דעם נס פון אַ נייעם טריאומף. האָט ער דאָך אַזוי פיל מאָל אין זיין שווער לעבן זיך אַליין אָנגעגורט מיט גבורה און געוואָרן דער באַהערשער איבער דעם פילפאַך געשלאָגענעם גוף, אין די סאַנאַטאָריעס, אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט. דאָס מאָל איז עס אים נישט געלונגען, די פאַראַליזירנדיקע פאַרשווייגונג איז געווען שטאַרקער פון זיין אַמאָליקן קינסטלערישן כוח, וואָס האָט צום פאָעט גערעדט פון

זיינע פאַרגעלייענטע לידער. נישט נאָר ער, נאָר הונדערטער טויזנטער ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן אומזיסט געוואַרט אויף דעם נס.

אָבער דער פּאָעט איז אַריין אין אַ סטאַדיע, וואָס איז אים אַזוי ווייטיקדיק באַשערט געווען — אויסצוזיפּן זיינע אייגענע לידער ביזן סמיקסטן טראָפּן. אַ לעבן לאַנג האָט ה. לייוויק אַנגעזונגען אויף זיך די קייטן פון פאַרשטומונג. די העלזעאונג פון אייגענעם אומגליק איז אַזוי קלאָר אויסגעדריקט געוואָרן אין צענדליקער, אפשר הונדערטער לידער זיינע; דאָס נעמען אויף זיך שווערע יסורים פון פאַלן און הילפלאָז ליגן מיט אַן אָפן, פאַרטונקלט אויג צום אַרומיקן לעבן.

ה. לייוויק האָט זיך קיינמאָל נישט באַפרייט פון די געשמידטע סיביירער קייטן. אים איז געווען שווער אָן דעם אַריינשניט אין זיין יסורימדיקן גוף. ער האָט די קייטן קיינמאָל רעכט נישט אויסגעטון, ער האָט זיך געפילט היימישער מיטן גורל, וואָס האָט אים אויסגעקליבן פאַרן קרבן, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז ער קען קינסטלעריש אויסשרייען פאַר דער וועלט דעם פּראָטעסט קעגן אַריבערטראָגן אומזיסטע פיזישע און גייסטיקע יסורים, און דערמיט אַליין זיי געבן אַ זין און אַ תיקון. ער האָט תמיד רעבעלירט קעגן דער דאָזיקער אכזריות פון פאַרשעמען דעם מענטשלעכן גוף פון אויספּאַטשן אים מיט אַלערליי ווייטיקן און קעגן דערנידעריקן דעם מין מענטש, מיט דער סאַדיסטישער הערשאַפט איבער אים, פון זיין אייגענעם ברודער־מענטש.

אָבער כדי דאָס אויסצודריקן האָט ער זיך געפּעטעט מיט זיינע אייגענע לידער, וואָס מיט זיי האָט ער זיך טיף איינגעשניטן דעם גוף און דעם גייסט.

ער האָט זיי איינגעלעבט די לידער זיינע, ביז ער איז געוואָרן דער יסורים־טרעגער פון זיין ליד. וויפיל לייענערס האָבן געמיינט, אַז די לידער זיינע, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך די עטלעכע יאָרן פון זיין שווערער קראַנקייט, זענען פרישע, ערשט געשריבענע פון פּאָעט, וועגן זיין אייגענעם צושטאַנד. זיי זענען אָבער געווען די סימנים פון טיפן איינלעבן און איינשמידן דעם סוף. ער איז אַליין געוואָרן דאָס ליד פון זיינע לידער ליגנדיק אַ הילפלאָזער אויפן טיש, אַרומגערינגלט פון חברים וואָס האָבן גערעדט צו אים און געוואַרט אויף דעם גרויסן באַשייד, אויף דעם מאָמענט, ווען ה. לייוויק וועט זיך באַפרייען פון זיינע לידער־קייטן.

כ׳האָב אים געזען עטלעכע טעג פאַר מיין אָפּפאָרן קיין ישראל און כ׳האָב עפּנטלעך אָפּגעגעבן גרוסן וועגן דעם גרויסן וואַקסענעם ליכט, וואָס איז געלעגן אויפן בעט און געטריפט. יעדער טראָפּן איז געווען אַ שטיק אָפּגעטריפט לעבן. אָבער דער פּאָעט איז געווען ביים פּולן באַוואוסט־זיין, ער האָט מיר אַרויסגעברומט אַ ברכה צו אַלעמען אין מדינת ישראל און גוט געוואוסט וואוהין איך פאָר. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל אומעטום דערמאָנען זיין נאָמען. לייוויקס נאָמען איז אויך דערמאָנט געוואָרן אין מיין שמועס מיט בן־גריון, וואָס האָט אַ פאַרזאָרגטער זיך נאָכגעפרעגט צי ס׳איז פאַראַן אַ האָפענונג.

אַלע האָבן געוואָרט אויף דעם נס, אַחוץ ה. לייוויקס אייגענע באַ־שערטע לידער, וואָס זענען שוין געווען אין קרייז פון דעם אייביקן. אַזוי האָט געקלונגען דער נאָמען פון לייוויקס לעצטער זאַמלונג לידער, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג „דער קוואַל״, אין יאָר 1959, ווען לייוויק איז שוין געלעגן אַ צוגעשמידטער צום בעט. דאָס בוך האָט געהייסן — „לי־דער צום אייביקן״. אין דעם בוך זענען פאַרעפנטלעכט לייוויקס שענסטע ישראל־לידער און זיינע פאַראויסגעזאָגטע געזאַנגען וועגן זיין מצב. גלייך דאָס ערשטע ליד ענדיקט זיך מיט די שורות:

„איך ליג אַ פאַרדעקטער און כ׳הער, ווי מיין שטערן
גייט איבער מיין נאָמען צום האַר פון די שטערן״.

די דאָזיקע לידער זענען געווען אַזעלכע טיף־איינגעווייטיקטע און איינגעגלויבטע אַז ווען זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער צייט פון לייוויקס לאַנגער שקיעה, האָבן זיי אַרויסגערופן אַ ציטער ביי אַלע, וואָס האָבן געוואוסט, ווען די לידער זענען געשריבן געוואָרן. איצטער, אַז מען לייענט זיי, מוז מען זיך מיט זיי פאַרבינדן אין אַ אומפאַרשטענד־לעכער גלויביקייט, אַז דער האַר פון די שטערן האָט מיט ליבשאַפט אויפ־גענומען דעם נאָמען פון פּאָעט.

אין דעם לעצטן בוך לידער זענען פאַראַן נאָך אַ סך אָפענע רייד וועגן דער יראה פון „פאַרשטאַמלען זיך״, וועגן „ליגן אַ געשמידטער״; אַ תפילה אומצוקערן צוריק דאָס געטלעכע געשטאַלט „צו דעם, וואָס זיין געשטאַלט איז פאַרלוירן געגאַנגען״ און נאָך און נאָך אַזעלכע שורות פון קלאָרן דורכגליען די רייד פון די אייגענע לידער, וואָס האָבן פאַרשטאַמלט דעם פּאָעט ביז שטומקייט.

ה. לייוויק איז שווער קראַנק געוואָרן מיט אַ פינף יאָר צוריק, אָבער ער איז אינגאַנצן אַרויס פון דער שלאַפקייט. איך האָב אים דעמאָלט באַזוכט ביים ים, וואו ער האָט זיך דערהאָלט. מיר האָבן געשמועסט וועגן אַ סך יידישע פּראָבלעמען, וועגן קינסטלערישער לאַבאָראַטאָריע און חברישער רכילות. לייוויק איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. מיך האָט עס זייער געפריידט, ווייל מיט אַ יאָר צוויי פריער האָט זיך לייוויק פאַר מיר פאַרטרויט, אַז „שוין גענוג", ער האָט שוין אַלץ פון זיך אַרויסגערעדט און אַרויסגעזונגען. „וויפיל איז דער שיעור? מען דאַרף זיך פשוט קענען אָפּוועקזעצן און זאָגן, אַז מען איז פאַרטיק".

ער האָט אָבער נאָך דעם אָנגעשריבן נאָך אַ צענדליק וואונדערלעכע לידער.

זיין צוריק געזונט ווערן האָט אים געגעבן נייע באַגייסטערונג. און ער האָט מיט מיר גערעדט מיט גרויס אויפלעבונג, וועגן זיינע ווייטערדיקע שעפערישע פּלענער.

ס'האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט און עס איז געקומען דער צווייטער קלאַפּ וואָס האָט אים שוין אינגאַנצן פון בעט נישט אַרויסגעלאָזט. אין אָנהויב האָט לייוויק געקעמפט און זיך אַנטקעגנגעשטעלט, אָבער שפּעטער האָט ער דעם קאַמף און ווידערשטאַנד אָנגעוואוירן. ווען איך בין געקומען אים מבקר חולה זיין, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'הער אים אַרויסצווינגען פון זיך מיט ווייטיק:

— שוין גענוג! אַלץ אַרויסגעזונגען, אַלץ אַרויסגעזאָגט.

ער איז געווען איינער פון אונדזערע שענסטע און גרעסטע זינגערס און איינער פון אונדזערע קרעפטיקסטע און בעסטע זאָגערס.

מלך ראַוויטש

דיכטער נייע, זעלטענע - - -

נאָך דיכטער נייע, זעלטענע, אָפּגעשלאָסענע, מיט איין וואָרט וואונדערלעכע גאַרט די ליטעראַטור.

ה. לייוויק איז אַ נייער, זעלטענער פאַרשלאָסענער, אָפּגעשלאָסענער, גאַנצער וואונדערלעכער דיכטער.

„אין דער טיפעניש פון נאַכט אַ באַוועגונג מאַכט מיין האַנט,
קיינער ווייס ניט ווען זע איך, ווען זוך איך אין דער נאַכט:
איך האָב אויפגעמאַכט די אויגן און זיי ווידער צוגעמאַכט,
און פאַרפאַלן איז געוואָרן אַ באַוועגונג פון מיין האַנט;
און צו ווען איז געווען די באַוועגונג פון מיין האַנט...”
איך אַליין אויך ווייס ניט ווען און וואָס זוך איך פון מיין האַנט...”

לייוויק דער דיכטער איז דער שאָטן פון לייוויק, דעם פאַרקלערטן, אין זיך פאַרביסענעם, די וועלט אומענדלעך שטום־שטייענדיק באַטראַכטנדיקן מענטשן. לייוויק איז שטום, אָבער דער שאָטן אויף קאַלטע, ווייסע ווענט פון אומפאַרשטענדלעכע ערגעץ־וואו־שטעט גיט זיך אַ שטוירנענדיקן ריר און זאָגט אַ זעלטן קלאָר ליד צו דער אַרומיקער וועלט.

מאָדנע, אָבער אמת.

לייוויק קען נישט זיין באַשטימונג דאָ אויף דעם עולם־הזה, און מיט אומבאַגרענעצט דיכטערישער נאַאיוויטעט שטוינט ער. ער ליידט, ער יובלט נישט, צער איז אים גלייך דערשיינונג ווי פרייד, ער איז שטום און נאָר דער שאָטן הויבט שטוינענדיק אויף די הענט, וואָס זיינען אים לויטער באַוועגונג און נישט מער; און זאָגט, אומבאַוווסט, ווי דער וואָס רעדט אין חלום, דאָס פאַרקלערטע,אָבער דאָס ִשאַרף פּרעציזע ליד.

„די שויבן פאַרמויערט,
געפרוירן די ווענט;
ביים טיר הענגט אַ לעמפּל
קוים, קוים וואָס עס ברענט.

איך ליג אונטער צודעק
פון גראָען געוואַנט,
און קוק אויף איין פינטל
אַנטקעגן דער וואַנט.

האָב אַלץ שוין פאַרגעסן,
פון זיך איך בין ווייט;
ווער ווייסט, אפשר האָט מען
מיך לאַנג שוין באַפרייט?

און אפשר געשטאָרבן
בין איך ביי דער טיר
דאָס לעמפּל ברענט יאָרצייט,
ברענט יאָרצייט נאָך מיר?"

דאָס איז דאָס ערשטע ליד פון ציקל „הינטערן שלאָס" . דער המשך דערפון: „אין שניי", לידער פון אַ סיבירישן געפאַנגענעם. אָבער לייוויק וואַרפט זיך נישט אין די קייטן פון לעבן. ער טראָגט זיי רואיק, שטוינט איבער דער אומפאַרשטענדלעכער שטראָף פאַר זיין אומשעדלעך ווייר־

סער אומשולדיקייט, און מאַנכמאָל טאַנצט ער אין קייטן, אָבער אָן סאַר־קאַזם. ס'איז דער טאַנץ פון גרויסע קינדער מיט אַ דורכזיכטיק קלאָרן גע־וויסן.

און אויס דער קלאָרקייט־אַפיר, אויס דער פּראַסטקייט־אַפיר, נישט מח־מת קינסטלעריש קענען, איז לייוויק אַ הערלעכער מאָלער. דריי גראָבע, פּשוטע שטריכן, אָבער די וויכטיקסטע:

„אויף וועגן סיבּירער
קאָן מען נאָך איצטער געפינען אַ קנעפּל, אַ שטריקל
פון מיינס אַ צעריסענעם שוך,
אַ רימענעם פּאַס, פון אַ ליימענעם קריגל אַ שטיקל,
אַ בלעטל פון הייליקן בוך.״

און וואָס מאַכט עס אַז לייוויקס שפּראַך איז רוי. זי טאָר נישט זיין אַנדערש, ווייל אויך לייוויקס ליד איז אָן קונציקייט דער העכסטער און אמתדיקער אויסדרוק פון קונסט.

איך ווייס נישט צי די וועלט־ליטעראַטור האָט דיכטער ענלעכע אין גייסט צו ה. לייוויקן. אפשר יאָ, אפשר נישט, עס איז מיר נישט אינטערע־סאַנט. פאַר אונזער ליטעראַטור איז ער ניי, זעלטן ניי. זיין צער איז פון אונדזער אייגנאַרטיקן שטאַם. און איז ער נישט ניי אין דער וועלט־ליטע־ראַטור, דער דאָזיקער גייסט פון אַ דיכטער, אַנדערש איז ער אוודאי.

דערשינען אין זשורנאַל „קריטיק״
העפט 3, ווין, 10-טער אקט. 1920

א. גלאַנץ־לעיעלעס

וועגן און ארום ה. לייוויקן

זכרונות און עפּיזאָדן

די פאַרבינדונג מיינע מיט ה. לייוויקן ציט זיך אויף דער לענג פון אַ האַלבן יאָרהונדערט. אינאיינעם האָבן מיר געפּילט די פרייד פון אַ גרויסצוגיקער יידישער פּאָעזיע ביי איר אָנהייב. צוזאַמען מיט יוסף אָפּאַ־טאָשון זענען מיר געווען אַ מין ליטעראַרישע טריאָ, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אומגעשטערט אַלע טעג פון דעם לעבן. דאָס — כאָטש מיר דריי זענען געווען באַזונדערע מענטשן, דריי — אין עצם — אַנדערשדיקע וועלטן. יעדער האָט עפּעס אַנדערש געוואָלט. די פאַרבינדונג איז געווען — די יידישע ליטעראַטור, איר שטייגן, איר פאַרטיפונג, איר פאַרנעם. דער נאָ־וועליסט און ראָמאַניסט אָפּאַטאָשו האָט זיך געפילט היימיש מיט די צוויי פּאָעטן. אַ היפּשע צייט פלעגן מיר אַפילו זיך פאַרלייענען איינס ס׳אַנדערע די נאָך נישט געדרוקטע זאַכן, שאַצן, פריינדלעך קריטיקירן.

געווען אַ צייט, ווען מיר דריי זענען געווען זייער נאָענט אויך מיט יהואשן. דער פאַקט, וואָס ער איז געווען אויף אַזוי־פיל עלטער, האָט נישט געשטערט. אויך יהואָש האָט געלייענט זיינע זאַכן פאַר אונדז און מיר — פאַר אים. יהואָשעס טויט אין 1928 האָט די געבליבענע דריי אפשר נאָך אַ סך מער צענויפגעקניפּט. יעדער — אויף זיין אייגענעם וועג, יעדער צו זיין אָנגעצייכנטער דערגרייכונג.

האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָב איך געהערט פון פאַר־

שידענע באַקאַנטע, צווישן זיי דעם וואויל־באַוואוסטן קאַליאַ טעפּער — אַ קאָליריקע פיגור מיט אַ זייער געשטרייפּטער און פּילזייטיקער ביאָגראַ־פיע אין אונדזער ליטעראַרישער סביבה — אַז קיין ניו־יאָרק ווערט דער־וואָרט אַ יונגער אַנטלאָפענער פון סיביר, אַ פאַרשיקטער בונדיסט מיט דעם נאָמען לייוויק האַלפּער.

צו יענער צייט האָבן אין ניו־יאָרק געאַרבעט אַלערליי קאָמיטעטן, וואָס זייער עובדה איז געווען צו זאַמלען געלט און העלפן אַנטלויפן פון טורמע און פאַרשיקונג די קרבנות פון צאַרישן טעראָר און פאַרפאָלגונג. די קאָמיטעטן האָבן קענטיק געהאַט אויסגעאַרבעט אַ גוטע, פּינקטלעכע טעכניק. אַדאַנק די געלטער האָבן זיי געשאַפן געהעריקע פאַרבינדונגען און גערעכטעוועט אַ סך וויכטיקע מענטשן, מענער און פרויען.

איצט איז דורכאויס קלאָר, אַז דער סאַמע וויכטיקסטער פון זיי איז געווען דער בלאָנדער, דינער און שיינער בחור, וואָס איז אין אַ קורצער צייט באַקאַנט און דערנאָך זייער־זייער באַרימט געוואָרן — דער פּאָעט און דראַמאַטורג ה. לייוויק.

איך בין נישט זיכער, צי די ערשטע געדרוקטע זאַך לייוויקס איז גע־ווען אַ ליד. איך האָב אַ גרונט צו קלערן, אַז דאָס סאַמע ערשטע, וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פען אין אַמעריקע און געפונען אַ תיקון אין אַ זשורנאַל איז געווען אַ קורצע סקיצע אָדער דערציילונג. זי איז געדרוקט געווען — אויב דער זכרון דינט מיר — אין חיים זשיטלאָווסקיס „דאָס נייע לעבן" און געשילדערט אַ וויזיט פון אַן אַרעסטאַנט ביי אַ דענטיסט־קע. דער פאַקט פון דעם קאָנטאַקט מיט אַ פרוי, אַפילו ביים רייסן ציין, האָט דעם אַרעסטאַנט שטאַרק צערודערט, אָבער אויך אָנגענעם דורכגע־נומען. ער האָט פּשוט באַדויערט, וואָס ער האָט מער נישט געליטן קיין צאָן־ווייטיק און ממילא נישט געקאָנט מער זען די דענטיסטקע.

באַלד האָבן זיך אָבער באַוויזן לייוויקס ערשטע לידער „אויף די וועגן סיבירער" און זיי האָבן תיכּף געמאַכט אַ רושם.

נאָך מיט דריי און פערציק יאָר צוריק, אין דער ערשטער רעצענזיע, וועגן לייוויקס ערשטן בוך האָב איך פאַרצייכנט, אַז זיין איטלעך ליד פאַר־מאָגט עפּעס אַ שורה, וואָס האָט געטראָגן אַנזאָג, אַן אָנגעלאָדענע שורה, וואָס פאַלט נישט סתם אַראָפּ פון דער פעדער, נאָר קומט פון טיפענישן, געזעטיקטע מיט איבערלעבונג און לויכטנדיקע מיט מחשבה.

„הירש לעקערט״ פֿון ה. לייוויק — אויסגעפֿירט
דורכן כאַרקאָווער יידישן מלוכה׳שן טעאַטער, אין
די 20ער יאָרן.

„שמאַטעס" פון ה. לייוויק, אויסגעפירט אין וואַרשע.
אַרטיסטן: קאָוואַלסקי, אַ. מאָרעווסקי. יעקב ווייסליץ.



אַ סצענע פון „גולם", אויסגעפירט דורכן יידישן טעאַטער
אין פיטסבורג.

לאָמיר דאָ ווידער דערמאָנען עטלעכע ערשטע לייוויקשע שורות:

מיר פאָרן און שווייגן ווי פרעמדע די נאַכט,
עס גיט ווער אַן עפן די ברעם און פאַרמאַכט.

קינדער שלאָפן איין אַליין
גרויסע דאַרף מען וויגן.

איינגעמידט שוין די האַנט וועלכע שטראָפט.

אונדזער מזל שוין אַזוי — מיר וואוינען אויפן וועג.

איך דערמאָן זיך ווי קאַליאַ טעפער איז אַריין אין באַגייסטערונג פון דעם, אַז אויך די שטראָפנדיקע האַנט ווערט מיד. ער האָט אַזש די הענט צעבומען: אַזאַ יונגער מענטש און שוין אַזוי פיל חכמה!

נו, עס איז אמת, אַז לייוויק האָט פאַרמאָגט אַ סך חכמה פון גאָנץ פרי אָן. אָבער מיר ווייסן אויך, אַז קאַליאַ טעפער האָט גראָד דאָ געהאַט אַ טעות, כאָטש ס'איז נישט זיין שולד. עס זענען נאָך געווען די לפי ערך נאַאיווע צייטן. עס איז נאָך געווען פאַר דער אוממענטשלעכער תקופה, ווען דער שטראָפער, דער שמייסער און תליון זענען בפרוש נישט מיד געוואָרן. ווער האָט עס אין 1913 געקאָנט פאַראויסזען דאָס אומגליק, וואָס האָט זיך געררוקט אויף אונדזער פאָלק און אויף דער מענטשהייט? אויך נישט לייוויק, כאָטש ער האָט זיך אַזוי־פיל אָנגעליטן און איז שפּעטער געוואָרן אַזוי דורכגענומען מיט די נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס אונדזערע און אָנגעפילט ליד נאָך ליד מיט דעם ווייטיק איבער דעם חורבן דייטש־לאַנד און חורבן רוסלאַנד זענען אויף אונדזער פאָלק געקומען מעשה צע־ווילדעטע ועזוואוויוסן פון אומדערמידלעכע הענקערס און סאַדיסטן.

נאָר לייוויק האָט פאַראויסגעזען אַ סך אַנדערע זאַכן. צום שטאַרקס־טן — זיין אייגענעם גאַנג און גורל אין אונדזער ליטעראַטור, זיין אָרט אין אונדזער געשיכטע. מוז זיך פאַרוואונדערן יעדער איינער, וואָס ליי־ענט היינט דאָס מערקווירדיקע ליד, וואו עס געפינען זיך אָט די שורות:

איך וועל דיך פירן דורך אַלע געפאַרן, לעבן מיינס;
דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן, לעבן מיינס.

דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן איבער פערציק יאָר צוריק. קאָן זיין ביי וועמען ס'איז דער מינדסטער ספק, אַז לייוויק האָט מיט אַן אמת דער־פירט זיין לעבן אַהין, וואו ער האָט געוואָלט? ער האָט געפירט זיין לעבן אי צו פערזענלעכער געלייטערטקייט, אי צו קינסטלערישער געהויבנקייט. גלייכצייטיק — צו נאַציאָנאַלער היסטאָרישער דויער.

אין דער ניו־יאָרקער סביבה, נאָך זיין קומען, נאָך זיין אַזוי־גערו־פענער איינאָרדענונג דאָ, האָט לייוויק גיך פאַרנומען אַן אייגן און אַנ־זעעוודיק אָרט. מיט זיינע לידער און שפּעטער מיט זיינע דראַמעס — אַנ־הייבנדיק פון „גולם” — איז ער אויסגעוואַקסן צו אַ כח און אַ מאָנער. וואָס האָט לייוויק געמאָנט? מען קאָן עס אָנרופן נישט אַנדערש ווי תור־ביקייט אין אונדזער ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ תוך, בלויז דיכטערישן? בלויז קינסטלערישן? ניין, דאָס איז לייוויקן שוין מיט דער צייט נישט געוואָרן גענוג. ער האָט פאַרלאַנגט און איז באַשטאַנען אויף יידישער תוכיקייט. איצט קאָן דאָס קלינגען אַביסל מאָדנע. איצט ווייס מען קלאָר און בולט, אַז יעדער יידישער דיכטער איז סיי־ווי יידיש, אַלצאיינס צי ער האָט יאָ אָדער נישט געמיט זיך צו שרייבן אויף יידישע מאָטיוון. באַנוצט בפירוש יידישע טעמעס.

מיט איבער פערציק יאָר צוריק איז דאָס נישט געווען אַזוי בולט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך. די גאַנצע ליטעראַטור, ספּעציעל די פּאָעזיע, האָט נאָך געזוכט אויף אומבאַטראָטענע שטעגן און סטעזשקעס. ס'איז גע־ווען אַ יונגע צייט, אַ צייט פון לייגן יסודות, פון רייסן זיך אַרויף־אַרויף. געוועזן אַזוינע, וואָס האָבן ביי דעם יידישן פּאָעט געזוכט קודם כל די קינסטלערישע עכטקייט. ווען עס שרייבט אַ יידישער פּאָעט, איז זיין שריי־בן סיי־ווי יידיש האָבן זיי געטענהעט. לייוויק און אַנדערע — אָפּאַטאָשו אין דער בעלעטריסטיק — האָבן דאָס נישט געוואָלט צוגעבן. ביידע צדדים האָבן זיך איינגעשפּאַרט אויף דאָס זייעריקע. פון אַלע אומענדלעכע דיסקוסיעס פאַר און קעגן איז אַרויסגעוואַקסן אַן עפנטלעכע דעבאַטע צווישן פיר דיכטערס. די טעמע איז געווען אין אַלגעמיינע שטריכן: וואָס איז וויכטיקער אין און פאַר דער יידישער ליטעראַטור: דער יידיש־נאַ־ציאָנאַלער עלעמענט אָדער דער עסטעטיש־קינסטלערישער? פאַר יידיש־קייט זענען אַרויסגעטראָטן ה. לייוויק און מנחם באָריישאָ; פאַר קינסט־לערישקייט — מאַני לייב און אַ. לעיעלעס

נאַטירלעך, ס'איז אַפילו איבעריק צו דערמאָנען, נאָר מען דאַרף, כדי אויסצומיידן שלעכטע טייטשונגען, זענען נישט מאַני לייב און לעיעלעס נישט געווען קיין קעגנערס פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט און נישט לייוויק און מנחם קעגן דעם קינסטלערישן עלעמענט. עס איז דער עיקר געגאַנגען אין אַ באַשטימטער באַטאָנונג און אפשר בלויז אין אַן איין־איינציקן טאָן. צי דאַרף יידישע ליטעראַטור יאָ אָדער נישט געמאָסטן ווערן דער עיקר לויט דער קינסטלערישער מאָס?

נישט די באַטאָנונג. נישט דער ספּעציפישער טאָן זענען לאַנג בייטיק געווען נאָך יענער דעבאַטע מיט איבער פערציק יאָר צוריק. די צייט האָט אין איר קלוגן און באַפעלערישן גאַנג אויסגעגליכט די שטרייטפּונקטן. איך דערמאָן דעם גאַנצן ענין דער עיקר כדי צו ווייזן, אַז ה. לייוויק האָט געשפּילט אַ בולטע ראָלע אין דער אויספורעמונג פון דער יידישער דיכטונג אין אַמעריקע ווי אַ גאַנצקייט. דווקא דאָ, אין דעם לאַנד, וואו די ליטעראַטור אונדזערע איז געוואַקסן נישט פון די ישיבות און בתי־מדרשים, און וואו די טראַדיציע איז געווען נישט בלויז ראַדיקאַל־סעקולער. נאָר נישט זעלטן אַפילו אַנטי־נאַציאָנאַל, דווקא דאָ האָט די יידישע פּאָעזיע מיט דעם פולן אַקצענט אויף יידיש דערגרייכט אירע דערהויבנסטע הייכן.

עס איז באמת אַ מערקווירדיקער פאַקט: גראַד אין דעם לאַנד, וואו די גאַסיקע אַסימילאַציע טרייבט און פאַרפלייצט מיט דער קראַפט פון אַ כמעט אומבאַזיגלעכן שטראָם, איז אויסגעוואַקסן אַ נאַציאָנאַל־אַנגעזעטיקטע יידישע פּאָעזיע פון אויסערגעוויינלעכן כח און פאַרנעם. אין איר פאָדערשטער ריי האָט ה. לייוויק פאַרנומען זיין נאַטירלעך אָרט.

אין איינעם פון זיינע לידער זאָגט לייוויק, אַז ער איז יידן־קראַנק. ער האָט דערמיט אויסגעדריקט דאָס געמיט פון אַ גאַנצן דור. נישט בלויז לייוויק איז געוואָרן באַוועלטיקט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע. נישט בלויז ער האָט גאָרנישט געקאָנט טראַכטן אָדער שרייבן וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער לייוויק האָט ממש נישט געקאָנט דורכלאָזן קיין דעטאַל פון דעם חורבן. ער האָט געציילט יעדן יידישן אומברענג, קאָנוואולסירט מיט איטלעכן יידן־טויט. אַזוי איז ער געוואָרן דער רעפּרעזענטאַטיווער נאַציאָנאַלער דיכטער. ער האָט אַלץ אויפגענומען דורך דער אימה פון דעם גרויסן חורבן, אַלץ געהאָרכט מיט דעם יידישן אויער.

דער קוים אַכצן־יאָריקער לייוויק האַלפּער, וואָס האָט ייִך באַטייליקט אין אַ רעוואָלוציאָנערער, אַנטי־צאַרישער דעמאָנסטראַציע האָט געקנאָטן און געפֿורעמט דעם שפּעטערדיקן ה. לייוויק ממש ווי אַ טעפּער זיין טאָפּ. זיין אַרעסט און פֿאַרשיקונג און דערנאָך יאָרן לאַנגע קאַטאָרגע האָבן אים דורך און דורך צעטרייסלט. ווי דען אַנדערש? אָבער וואָס האָט ער אייגנטלעך געטאָן? ער האָט געוואָלט אויסלייזן די וועלט, באַפֿרייען די פֿעלקער פֿון אַן עקלהאַפֿטער טיראַניי, אַראָפּנעמען די קייטן פֿון דעם אייגענעם יידישן פֿאָלק אַזוי, אַז עס זאָל אויסגעגלייכט ווערן בירגערלעך נאַציאָנאַל, פּערזענלעך. נעמט אַ רוצחישע האַנט און וואַרפֿט אים אַריין אין אַ גרוב, שמידט אים אין קייטן און שיקט אים אין ווילדע מרחקים. מיר האָבן דאָך דאָס געלייענט אין זיינע טורמע־זכרונות. ער האָט דערזען מאוימדיקעליידן, ער איז געקומען פּנים אל פּנים מיט אוממענטשלעכע יסורים. ער האָט דערשפּירט גרויס אומגליק אויף זיין אייגענעם גוף און גייסט און ער האָט עס קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן. די מאָדערנע פּסיכאָלאָגן רופֿן דאָס טראַאומאַ. ער האָט נישט פֿאַרגעסן דאָס אומרעכט און דאָס שלעכטס, שטענדיק געטראָגן אין זיך דאָס בייז, וואָס מענטש קאָן אָנטאָן דעם מענטש.

אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער אַזוי אָפּטער אויסדריקער פֿון מענטשלעך ליידן, דער מאָנער פֿון כללישער און יחידישער גאולה.

דער געבוירענער פּאָעט לייוויק האָט זיין טראַאומאַ פֿאַרוואַנדלט אין לידער און דראַמעס, אין דויערנדיקע ווערק פֿון מענטשלעכער טראַגיק. אין ווערק, וואו אויבנאָן שטייען די פּראָבלעמען פֿון טויט און לעבן, אחריות פֿון מענטש און פֿאָלק, פֿון שלעכטס און גוטס, פֿון פֿאָלקישער שרעק און האָפֿענונג. אַזאַ פֿאַרוואַנדלען איז דער וואונדער־וועג פֿון פּאָעזיע, דער וועג פֿון וואונדער און וואונד פֿון ה. לייוויקן אין דער יידישער פּאָעזיע, אין דער וועלט־פּאָעזיע.

דאָס מאָנען תוך און תוכיקייט איז געקומען פֿון דעמזעלבן קוואַל. אַ טיפֿער ערנסט האָט שטענדיק באַצייכנט זיין לעבן און זיין שאַפֿן.

ה. לייוויק אין אונדזער דיכטונג איז דער ערנסטער, דערהויבענער קוק; די ווייטע וויזיע; די הויכע. ביז שטרענגשאַפֿט הויכע מחשבה.

י. לעפּטוויטש

אין דער זעלבער צייט...

אין דער זעלבער צייט וואָס לייוויק, איז אויך געשטאָרבן דער אַמע־ריקאַנער דיכטער ראָבערט פראָסט. די לאָנדאָנער „טיימס״ האָט איך זיין אָנדענק אָפּגעגעבן אַ האַלבע זייט — פראָסט האָט עס פאַרדינט — אָבער לייוויק, נישט ווייניקער גרויסער פּאָעט, האָט נישט זוכה געווען צו קיין איין וואָרט אין „טיימס״. דאָס — נישט ווייל די צייטונג איז אַנטיסעמי־טיש — נאָר ווייל נישט קוקנדיק אויף אַלע איבערזעצונגען וואָס מיר האָבן שוין פון יידיש אויף ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, די הויפּט־שפּראַכן פון דער וועלט קען, מען נישט געבוג אונדזער יידישע ליטעראַטור. זיי האָבן לייוויקן דעם יידישן דיכטער נישט געלייענט.

אַפילו דער יידיש־ענגלישער „דזשואיש קראָניקל״ האָט לייוויקן אָפּ־געגעבן אַרום צוועלף שורות. און דאָס איז אויך נאָר דערפאַר וואָס דער נעקראָלאָג־שרייבער קען מסתמא גאָר ווייניק די יידישע פּאָעזיע. וואָלט לייוויק געדיכטעט אויף ענגליש, ווי זאַנגוויל, וואָלט מען אים אין „דזשואיש קראָניקל״ מערער געוואוסט וועגן אים.

זענען מיר דאָך היינט פיל ווייטער געגאַנגען ווי דעמאָלט אין 1899, ווען לעאָ ווינער האָט מיט מאָריס ראָזענפעלדס לידער אויף ענגליש אי־איבעראַשט די וועלט, וואָס האָט פריער נישט געוואוסט, אַז אויף יידיש איז פאַראַן אַ ליטעראַטור. אין די עטלעכע זעכציק יאָר ביז איצט, האָט

דיוועלט זיך באַקענט דורך איבערזעצונגען, מיט — מענדעלע, שלום־עליכם, פרץ, אַש, שניאור, זינגער, באַשעוויס א. א. אויך לייוויק צוזאַמען מיט אַנדערע איז פאַראַן אין געוויסע ענגלישע אַנטאָלאָגיעס, צווישן זיי דעם „אוצר פון דער וועלט־פּאָעזיע «TREASORY OF WORLD POETREY» און אין מיין „גאָלדענע פאַווע״, גייט ער אַריין צווישן די גרויסע געשטאַלטן וורייזט אָבער אויס אַז ס׳איז נישט גענוג. מען קען אונדז נאָך נישט.

ווען אליעזר גרינבערג האָט גערעדט ביים אינטערנאַציאָנאַלן פּען־קאָנגרעס, אין 1953 אין דובלין, האָט ער זיך באַקלאָגט, אַז אַ חוץ צוויי דריי שרייבערס איז די יידישע ליטעראַטור נישט באַקאַנט פאַר דער וועלט.

דאָס זעלבע האָט אויך געטענהט אויפן זעלבן קאָנגרעס, אבינועם, דער פאָרשטייער פון העברעאישן פּען־קלוב.

אַזוי איז מיט די ליטעראַטורן פון קליינע פעלקער. דער איירישער רעדנער האָט זיך באַקלאָגט אַז מען קען נישט די שרייבערס אויף גאעליש. דער עסטאָנישער דעלעגאַט האָט געזאָגט דאָס זעלבע וועגן דער עסטאָני־שער ליטעראַטור; און דער אונגאַר, פּאָל טאַבאָרי, האָט געהאַלטן, אַז דער אונגאַר ענדרע אדי איז אַזוי גרויס ווי די גרעסטע פּאָעטן פון אונדזער יאָרהונדערט אין וועלכער עס איז שפּראַך — און קיינער ווייס נישט פון אים.

אַזוי איז דאָס מיט לייוויקן. איך האַלט לייוויקן פאַר פונקט אַזאַ גרויסן פּאָעט ווי ראָבערט פראָסט, אָדער ווי יאָטס. איך קען נישט גענוג די פראַנצויזישע דיכטונג צו זיין אַ מבין אויף איר, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז לייוויק האָט זיך נישט מיט וואָס צו שעמען, נעבן פּאָל וואַלערי.

איך וויל דערביי נישט אַריינפאַלן אין טעות פון צושרייבן לייוויקן דעם אויבנאָן אַז ער איז געווען דער „גרעסטער״. די יידישע ליטעראַטור איז גאָט זיי דאַנק אַ ליטעראַטור נישט פון איין מענטש, אָדער פון דריי — פיר. מיר האָבן אַ געבענטשטן דור פון ערשט־ראַנגיקע יידישע שרייבערס היינט און איך וויל נישט מעסטן און וועגן ווער פון זיי איז גרעסער. גע־נוג אַז לייוויק איז געווען אַ גרויסער.

דיכטערס זענען פאַרשידן. מיר קענען די מעשה ווי אַזוי לייוויק האָל־פּער האָט אויסגעביטן זיין נאָמען אויף ה. לייוויק, כדי מען זאָל אים נישט פאַרטוישן מיט משה לייב האַלפּערן. לייוויק איז סיי ווי קיינמאָל נישט גע־

ווען דער סאָרט פּאָעט וואָס משה לייב איז געווען. גרויס זענען זיי ביידע, אָבער אַנדערש. לייוויקס טעמפּעראַמענט האָט נישט געשטורעמט, ווי משה לייבס.

לייוויק איז געווען שטיל און מעלאַנכאָליש — אַזוי פון אָנהייב אָן.

איך האַלט אין האַנט „איסט־בראָדוויי", וואָס איז אַרויס אין ניו־יאָרק אין 1916, ווען ער איז נאָך געווען אַ „גרינער" אין אַמעריקע. דאָרט געפינט זיך לייוויק אונטער זיין נאָמען לייוויק האַלפּער, מיט זיינע גאָר פריע לידער, צווישן זיי דאָס באַקאַנטע ליד:

טויט און שטיל,
שעה נאָך שעה.
איך בין דאָ.
ווער איז דאָ?

ער איז געווען, ערשט אַ נישט לאַנג אַנטלאָפענער פון סיביר — ניי געקומענער אין אַמעריקע, און ער האָט זיך שוין געפונען. אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געקענט פאַרגעסן די טורמע, קיינמאָל נישט סיביר.

לייוויק האָט אויך זיין גאַנץ לעבן געליטן צוליב די צרות פון דער וועלט. דאָס איז געווען די אייביקע טעמע זיינע.

„פאַראַן אַזויפיל צעריסנקייט, אַזויפל צער אויף דער וועלט. מענטש קעגן מענטש, קלאַס קעגן קלאַס, פאָלק קעגן פאָלק. איך קען נישט בלייבן שטום. עס עסט מיך אויף. דאָס איז דער געדאַנק פון מיין „גאולה־קאָמעדיע". און פון אַלע מיינע ווערק. דער מענטש איז געוואָרן אַ קרבן אויפן מזבח פון אידעאַלן, צי דער מזבח איז אַ טורמע, אַ באַריקאַדע אָדער אַן עשאַפאָט. פאַראַן צייטן ווען מיר מוזן גיין אויף באַריקאַדן פאַר אונדזערע אידעאַלן. איך האָב עס אַליין געטאָן און באַזינגען. אָבער איך קלער נישט נאָר פון די מענטשן וואָס גייען אויף די באַריקאַדן, נאָר פון די וואָס שיקן זיי אַהין".

איך האָב געקענט לייוויקן. מיר האָבן זיך דורכגעשריבן. איך האָב אים געטראָפן אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק. ער איז געווען דער פּרעזידענט פון פּען־קלוב וואָס האָט מיך באַשטימט פאַן זיין פאַרטרעטער אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פּען־עקזעקוטיווע.

אין 1946 האָט אונדז דער יידישער פען־קלוב באַשטימט צו פאָרן קיין שטאָקהאָלם צום ערשטן פען־קאָנגרעס נאָך דער מלחמה. לייוויק איז גע־קומען קיין אייראָפּע נאָר נאָך שטאָקהאָלם נישט געפאָרן. ער האָט מיר געשריבן פון די דייטשע לאַגערן אַז איך וועל מוזן פאָרן אַליין, ווייל ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון דעם יידישן אומגליק דאָרט.

„איך גיי פון לאַגער צו לאַגער. קען נאָך נישט שרייבן וועגן דעם". און ווען ער האָט יאָ געשריבן, האָט ער געשריבן יענע טרעבלינקע־לידער, זיינע שולד־לידער.

„מיר זענען פול מיט ווייטיק — האָט ער געזאָגט — צעבראָכן פון אַלעם וואָס מיר האָבן געזען, און וואָס שטייגט איבער דאָס וואָס מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט. די וועלט שווייגט. די גרויסע וועלט וואָס טראָגט די שליסלען און וויל נישט עפענען די טויערן פאַר אונדזערע פליטים.

אַלץ האָט לייוויקן וויי געטאָן. האָט ער אויך שווער געליטן ווען מען איז געוואָר געוואָרן וועגן דעם אומקום פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס: בערגעלסאָן, כאַריק, פעפער, מאַרקיש, דער נסתר, האָפשטיין, קולבאַק, קושניראָוו, קוויטקאָ א. א. דער שרעקלעכער גורל זייערער האָט אים טיף וויי געטאָן. אָט האָב איך געלייענט זיין נאָכרוף נאָך איזי כאַריקן, וואָס ענדיקט זיך אַזוי. „אויף אים, אויף אַלע זיינע צייט־קאָלעגן און אויף דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד — שטומקייט, פאַרניכטונג".

פון די אַלע פיינען, פון דעם שטענדיקן זען אומגליק, האָט לייוויק שפּעטער געפונען אַ טרייסט אין ישראל. בעת זיינע באַזוכן זיך נישט גע־קענט אָפּוואונדערן:

אויף דיין ערד, ירושלים,
איז מיר גוט צו שווייגן.
כ'עפן־אויף פאַר מיינע ווערטער
אַלע זייערע שטייגן.
איך באַפריי זיי און איך זאָג:
איבער אַלע בערג אַרום,
איבער אַלע היגלען פון ירושלים
פליט אייך פאַנאַנדער, מיינע טייערע.

קלייבט איך אויס די הייליקסטע ערטער,
ווייל זיי זענען אַלע אייערע.

אויף דיין ערד, ירושלים,
גאָלדיקט די שטילקייט ביי טאָג,
בלויט די שטילקייט ביי נאַכט.
בלייב איך שטיין מיט אַ מאָל און איך זאָג:
אָט — דאָ האָט געטראַכט ישעיה?
טאַקע דאָ?
די נאַכטיקע שטילקייט
ענטפערט אָפּ — יאָ! יאָ!
נעם איך רופן אַ געפּלעפּטער מיינע ווערטער:
קומט צוריק פון אייערע ערטער,
קומט צוריק, קומט צוריק,
מיינע געטרייע —
העלפט מיר אויסשווייגן דאָס גליק
צו שטיין אויף דער ערד וואו ס'איז געשטאַנען ישעיה.

מלך ראַוויטש האָט אַמאָל געשריבן אַן עסיי וועגן די צוויי ווערטער גרויסער פּאָעט. „מ'דאַרף האָבן דיסטאַנץ", האָט ער געזאָגט. „מ'טאָר נישט קרוינען אַ פּאָעט מיט דעם נאָמען גרויס, פריער ווי צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט. מיר ריידן אַרויס צו לייכט דאָס וואָרט גרויסער פּאָעט".

ווייס איך נישט וואָס צו זאָגן וועגן לייוויקן, וואָס ער איז טויט ערשט צוועלעכע חדשים. ווי גרויס ער איז, קענען מיר אפשר נאָך נישט מעסטן. און אַ ליטעראַטור באַשטייט נישט פון איין גרויסן אָדער גרעסטן. אונדזער שטאָלץ היינט אין דער יידישער ליטעראַטור איז עס וואָס מיר האָבן אַ טוץ אָדער אפשר צוויי מנינים דיכטער וואָס מיר קענען זיי אַריינרעכענען צווישן די גאָר גוטע פּאָעטן פון דער וועלט, וואָס שרייבן היינט אויף ענגליש, דאָ אָדער אין אַמעריקע, אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, רוסלאַנד אויף זייערע לשונות. און לייוויק קען זיך פאַרגלייכן מיט די בעסטע פון זיי.

פון ה. לייוויקס ווארט־ירושה

ערגעץ ווייט

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט דאָס לאַנד דאָס פֿאַרבאָטענע,
זילבעריק בלאָען די בערג
נאָך פון קײנעם באַטראָטענע;
ערגעץ טיף, ערגעץ טיף,
אין דער ערד איינגעקנאָטענע,
וואַרטן אוצרות אויף אונדז,
וואַרטן אוצרות פֿאַרשאָטענע.

ערגעץ ווייט, ערגעץ ווייט
ליגט אַליין אַ געפֿאַנגענער,
אויף זיין קאָפּ שטאַרבט די שיין
פון דער זון דער פֿאַרגאַנגענער;
ערגעץ וואָגלט ווער אום
טיף אין שניי אַ פֿאַרשאָטענער,
און געפינט ניט קיין וועג
צו דעם לאַנד דעם פֿאַרבאָטענעם.

זייט געזונט

זייט געזונט, זייט געזונט,
מאָרגן פאָר איך אָפּ:
כ'האָב שוין אויפגעגנייט אַ זעקל,
אָפּגעשערט דעם קאָפּ.

האָב באַקומען שוין אַ גאַרטל,
צוגעהעפט די קייט,
און זיך שוין מיט אַלע שכנים
דורך דער וואַנט צעשיידט.

האָב אַהיים אַוועקגעשריבן
שוין דעם לעצטן בריוו;
מאָרגן וועל איך זיין שוין ווייט־ווייט,
ערגעץ אויף אַ שיף...

די נאָרע איז קורץ

די נאָרע איז קורץ,
נאָר שלאָפן מוז יעדער זיך לייגן —
לייגט איינער די פיס
דעם צווייטן אַרויף אויף די אויגן.

און איינער דעם קאָפּ
שפּאַרט אָן צו דעם אַנדערנס קייטן;
די נאָרע איז ענג —
מוז יעדער האַלדזן דעם צווייטן.

אײביק

די װעלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פײַער, און טראָגט מיך צום שײַטער;
איך ברען און איך ברען און איך װער ניט פֿאַרברענט, —
איך הײב זיך אױף װידער און שפּאַן אַװעק װײַטער.

איך שפּאַן דורך פֿאַבריקן און פֿאַל אונטער ראָד,
איך רײַס־אױף די דאַמפֿן מיט קראַפֿט מיט באַנײַטער,
איך לײג זיך אַװעק, װי אַ נײַער יסוד, —
איך הײב זיך אױף װידער און שפּאַן אַװעק װײַטער.

אָט שפּאַן איך זיך אײַן אין געשפּאַן פֿון אַ פֿערד,
און איבער מיר בײַטשט אַ דערצאָרנטער רײַטער;
װי אַן אַקער אַ שאַרפֿער איך גראָב דורך די ערד, —
איך הײב זיך אױף װידער און שפּאַן אַװעק װײַטער.

איך זע מײַנע לידער, װי קערנער מען זײט,
זײ שפּראָצן, זײ װאַקסן, װי זאַנגען און קרײַטער;
און איך אַלײן ליג װי אַ דאָרן פֿאַרדרײט, —
איך הײב זיך אױף װידער און שפּאַן אַװעק װײַטער.

איך װאױן אין אַ תּפֿיסה. איך רײַס אױף די צעל,
עס טרעט איבער מיר צו זײַן גליק דער באַפֿרײַטער, —
און מיך לאָזט ער ליגן אין בלוט בײַ דער שװעל, —
איך הײב זיך אױף װידער און שפּאַן אַװעק װײַטער.

אין בלוט מיינע קליידער, — די פיס קוים איך שלעפּ,
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געלייטער;
איך קום צו אַ שטיבל, איך פאַל אויף די טרעפּ — — — —
איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער.

ייִדיש

מײַן װיג שטייט לעבן מינסק, און איהומען.
מײַנע קייטן ליגן אין סיביר. װאו אין אַרכיװ.
דאָס ליד, װאָס איך האָב אין ניו־יאָרק פֿאַרנומען.
קרייזט אַרום בוענאָס־איירעס, מאָסקװע, תּל־אָבֿיבֿ.

דאָס ליד פֿון ניו־יאָרק, דורך װילנע, װאַרשע,
אַקערט אויף ניי־לעבן אויך אין תּל־אָבֿיבֿ.
איבער אַלע אוצרות, װאָס כ׳האָב געירשנט,
גייען אויף די שורות פֿון מײַן מאַמעס אַ בריװ.

מײַן מאַמעס ייִדיש מיט נונען גרעסטע. —
מיט בלוט איז פֿאַרפּלייצט נאָך, מאַמע, דײַן כּתבֿ.
פֿאַראַן אויך אַ ברודער, פֿאַראַן אויך אַ שװעסטער,
װאָס נעמען דיך אויף מיט אַ „ניעט״, מיט אַ לאָו.

דעריבער לייטער איך מיט מער נאָך אייפֿער
אין ליבשאַפֿט דיך, מײַן העלער זשאַרגאָן.
איך זע װי עס עפֿנט זיך אַ יחוס־ספֿר
און פֿלאַטערט איבער דיר װי אַ װײַסע פֿאָן.

אין ליכט פֿון ספֿר װערט הייס װי פֿײַער,
דײַן קלענסטע געזאַנג, דײַן מינדסטער אות, —
הוי־װוי צו די װאָס האַלטן דיך ניט טײַער.
צו די װאָס װאַרפֿן דיך הינטער אַ טורמע־שלאָס.

און א יינגעלע וועט זיי פירן

ונער קטן נוהג בם (ישעיה, י״ב)

דיין חלום, גרויסער נביא, חלום ווידער,
באַוויַז זיך ווידער איבער חרובדיקע ווענט,
ניט קוק וואָס דער וואָס רופט דיך זיצט אַ מידער —
דאָס קלאָגט ער אויפֿן יינגעלע וואָס ליגט פֿאַרברענט.

אַ וואָלף דאַרף וואוינען מיט אַ שעפּס צוזאַמען,
דאָס יינגעלע דאַרף פֿירן זיי מיט זיינע הענט, —
דערוויַיל קום, נביא, ברענגען טרייסט דער מאַמען,
וואָס קלאָגט - באַקלאָגט איר יינגעלע וואָס ליגט פֿאַרברענט.

צום לעמפּערט דאַרף אַ ציגעלע זיך טוליען —
זיי זאָלן האָבןביידע זיך דערקענט;
די מאַמע וויגט אַ פּוסטע וויג, טוט לוליען, לוליען,
דאָס יינגעלע ליגט טויט, אויף אַש פֿאַרברענט.

אַ קו דאַרף שפּרייזן מיט אַ בער אויף פּיטער,
מיט גוטסקייט צו אַ קינד זאָל זיין אַ שלאַנג געוועגט,
נאָר מיר זיינען געווען ביז איצטער שלעכטע היטער —
דאָס יינגעלע ליגט טויט, אויף אַש פֿאַרברענט.

די מאַמע שטייגט אַרויף פֿון בונקער־תהומען
מיט אירע וויגנדיקע הענט צו דיר געווענדט;
אַ נביא, נביא, ברענג דעם אחרית הימים,
מאַך לעבעדיק דאָס יינגעלע וואָס ליגט פֿאַרברענט.

צום אייביקן

דורך אַלע פינצטערנישן דרינגסטו אַריין
און שטעלסט זיך אַוועק מיר אַנטקעגן,
אַקוראַט ווען איך טראַכט וועגן מער ניט זיין,
אַקוראַט ווען איך זוך דאָס וואָרט פון געזעגן.

דו ריירסט מיט אַ פינגער מיך ניט אָן,
איך הער נאָך — דו זאָגסט מיט הייסע ליפּן :
—וואָס ווילסטו טאָן ? וואָס ווילסטו טאָן ?
לאָמיר ווידער אַ בונד אויף ס'ניי פאַרקניפּן.

— אַ בונד אַ נייעם ? — יאָ, פאַרקניפּט,
דו ווייסט דאָך, איך וואַרט מיט אַלע גלידער
אויף די פלאַמיקע צוקן פון דיין ליפּ
כ'זאָל קענען צום לעבן זיך אויפהייבן ווידער.

אַז אָנגעחתמעט איז מיר געווען
דורך דיר אַליין איך זאָל אייביק לעבן —
באַדאַרף איך ניט מער ווי נאָר דערזען
אַ גוטן וואונק דיין האַנט זאָל געבן.

און ווען איך דערזע — גיט אַ ברען מיין בלוט :
— אַ, זאָג, וויפיל מאָל נאָך באַדאַרף איך שטאַרבן ?
און זאָג, וויפיל מאָל פון מיין לעצטער מינוט
דאַרף אָפּלאַכן דער, וואָס דאַרף מיר אַרבן ?

צוויי זילבערנע בעכער

(פאַר רבקה גובר אין כפר וואַרבורג)

א.

צוויי זילבערנע בעכער. אויף זיי אויסגעקריצט
די נעמען פון צוויי אומגעקומענע ברידער.
געווען אַ ישראל־מלחמה. און איצט? —
די שטילקייט פון נאָך ניט געזונגענע לידער.

די ברידער — זיי ליגן אין וואַרבורג דעם כפר, —
חלילה דיין קול פון צו אויפהייבן העכער, —
די מאַמע אַליין טראָגט פאַרשלאָסן איר צער
פאַרביי און אַרום די צוויי זילבערנע בעכער.

ב.

די בעכער אין זכר פון אירע צוויי זין, —
אַלט זיבעצן איינער, אַלט צוואַנציק דער צווייטער, —
געווען איז אַיעדער, אין פרילינגשן גרין,
אין שלאַכט פאַר ישראל צו שטאַרבן אַ גרייטער.

די גרייטקייט האָט אָפּגעהילכט פייערדיק, בראַוו
פון אונטער די בונקערס אויף בערגלעך און דעכער,
און איצט — זייער נאָמען אויף דין דינעם כתב
פאַרקריצט און פאַרשניצט אויף צוויי זילבערנע בעכער.

ג.

די מאַמע וואָלט קאָנען די בעכער די צוויי
ביז איבער די ברעגן פאַרטרינקען מיט טרערן,
זי וויל אָבער בעסער, להיפך איר ווײ,
זיי זאָלן דעם יום־טוב פון פסח געהערן.

ביים סדר, ווען ס׳קומט אליהו אַריין,
צו הייליקן יידן נאָך אַלע פאַרשווערער, —
אַז טועם זיין זאָל ער ניט טרערן, נאָר וויין
פון אירע צוויי קינדערס געהייליקטע בעכער.

ד.

פאַרהאַלט זי די טרערן. זיי שטראָמען אַרויס
ווען ס׳זעט ניט קיין אויג, און אויך דעמאָלט אַפילו
ביים גראָז און ביים בוים וואָס באַשאָטן איר הויז,
זי בעט פאַר איר צער, פאַר איר טרויער מחילה.

דאָס גראָז און דער בוים זיינען שותפים צום צער
און אויך צום נסיון צו אויפקלאָגן העכער,
נאָר אַלע פאַרנעמען דעם מאַמעשן גזר!
ניט טרערן, נאָר וויין פאַר צוויי זילבערנע בעכער.

צו ישראל

אויך דו זאָגסט — איך בין קיין מחותן ,
כ׳דאַרף שטיין ביי דיין טויער פאַרשעמט, —
און איך זאָג : זאָל זיין דיר צום גוטן,
צו גליק, וויפל ס׳האַרץ נאָר פאַרנעמט.

און מער נאָך — כטל־השמים
זאָל רוען די פרייד אויף דיין קאָפּ,
און איך וועל — מיין צער צו באַפרייען —
צעברעכן מיין האַרץ ווי אַ טאָפּ.

צעברעכן אויף שטיקער, אויף שטיקלעך,
נאָר ניט דאָס געזאַנג פון מיין ליד —
דאַרפסט ברכות כדי צו זיין גליקלעך,
און איך בין פאַר גליק שוין צו מיד.

מיין וואָרט — ניט צום תכיף, צום שפּאַטער,
מיין וואָרט נאָר צום ביין פון מיין ביין,
צו וועמען כ׳בין זון און אויך פאָטער
אַפילו אין פיין פון פאַרגיין.

די פיין איז פאַר מיר נאָר. מיין שטומען
פאַרשמידט מיין באַשערטע מינוט,
פאַר דיר אָבער צינדט־אָן מיין גומען
דאָס וואָרט פון בראשית : ס׳ איז גוט.

איך ווייס ניט ווער ס׳האָט אין פאַרקערטקייט
אַוועקגעשטעלט ס׳וואָרט מיינס בחוץ, —
איך ווייס נאָר : אין ליכט פון באַשערטקייט
איך טראָג צו דיין שוועל לויטער גוטס.

איך ברענג עס אַ מתן־בסתר
איך שלייך ביי דער וואַנט זיך אַוועק
אַהין וואו אַ ווינטשטראָם אַ הייסער
פאַרטראָגט מיך צום מדברשן העק.

דאָרט פאַל איך צום זאַמד פון מיין פנים
און לעק אויס זיין היץ מיט דער צונג,
און דאָרט הייב איך אָן ערשט דערקאָנען
דעם סוד ווי די אַלטקייט ווערט יונג.

און דאָרט צינד איך אָן די מינוטן
פון אונדזער געמיינזאַמער שעה,
און דאָרט ווער איך פולער מחותן
און זינג ביז פאַרגיין־זיך : בין דאָ.

תל אביב 1950

אויפן הר הכרמלס רוקן

אויפן הר הכרמלס רוקן
וואַקסן נייע, ווייסע שטיבער —
אויסגעשטרעקטע, און זיי קוקן
גלייך צום ים און ווייט אַריבער.

דאַכט זיך — וואָס? ווי אַלע שטיבער:
פענצטער, טירן און באַלקאָנען;
אָבער אַז דו זאָגסט עס איבער
נעמסטו וואונדערלעכס אָנען,

פון די טירן נעמט עס פלאַמען
מיט אַזוינע זיג־זאַג פליגל,
ביז אין זיי, מיט זיי צוזאַמען,
פראַלן־אויף אי שלאָס, אי ריגל.

יעדע וואַנט, ווי קוים דערמאָנט זיך
אויף דעם וואונדער דעם צעבלענדטן.
גיט אַ הויב-זיך און צעטאַנצט זיך
אויף די זיילן פונדאַמענטן

און באַלקאָנען — נאָך מער וואונדער —
טראָגן זיך אַוועק ווי שיפן,
אי אינאיינעם, אי באַזונדער,
צו די ימימדיקע טיפן.

איבער זיי די הימלען בלויע
ווי אָט ערשט צעשפּרייטע נייע,
און אויף זיי דאָס וואָרט והיה
פון דעם אחרית פון ישעיה.

מיין תפילה

מיין תפילה — איך ווייס נ׳ט צו ווּעמען זי טראָגן,
און — כ׳טראָג זי,
מיין תפילה — איך האָב נ׳ט צו ווּעמען זי זאָגן
און כ׳זאָג זי.

מיין תפילה — זי ווערט אויף מיין גומען דערפראָרן,
און — כ׳טראָג זי,
מיין תפילה לעבט־אויף אין אַן אויפּברויז פון צאָרן,
און — כ זאָג זי.

מיין תפילה — זי ברעכט זיך אַזויפיל מאָל איבער,
און — כ׳טראָג זי.
מיין תפילה גייט אויף איבער זעקס מיליאָן גריבער,
און — כ׳זאָג זי.

מיין תפילה פּאַלט־צו און פאַרגייט זיך אַן ווערטער,
און — כ׳טראָג זי,
מיין תפילה צו דעם וואָס איך ווייס נ׳ט ווי הערט ער,
און — כ׳זאָג זי.

אין דעם טאג

אין דעם טאָג ווען דו וועסט ווערן באַגערט
וועלן זיך אויפזאַמלען אַלע דיינע ברידער,
זיי וועלן קומען פון גאָר דער ערד
מיט נייע, ערשט געבוירענע לידער.

זיי וועלן אַרומרינגלען דיין הויז
אין אַ דערוואַרטונג-קייט זיך שליסן —
אַז דו זאָלסט מיט פרייד צו זיי אַרויס
און זיי אויפנעמען און זיי באַגריסן.

און אַז עפּעס אַנדערש וועט געשען
וועלן זיי דיינע טירן צעפּראַלן,
און אַלץ וואָס זיי וועלן דערזען
וועט זיין לויטער ליכט, לויטער שטראַלן.

איבער די דילן וועט זייער גאַנג
אינאיינעם מיט די ווענט זיך צעוויגן;
אַלץ וואָס זיי וועלן הערן וועט זיין — געזאַנג,
קיינע ווערטער, נאָר ניגון, כולו ניגון.

דערנאָך וועלן זיי אַלע דערזען
אַ נייעם רמז פון לייב און פון זאַכן,
וועט געשען, עס וועט מוזן געשען
דו באַגערטער, אויפסניי וועסט דערוואַכן.

שטערן

איך הייב מיינע אויגן צום הימל מיט שטערן
און כ׳זע ווי עס סודען זיך שטערן מיט שטערן,
און כ׳זע, ווי אַ שטערן פֿאַלט צו צו אַ שטערן.

כ׳בין קליין, אָבער קלענער נאָך זיינען די שטערן —
קוים־קוים וואָס איך זע זיי. איך זוך אין די שטערן
דעם שטערן, וואָס דאַרף זיין מיין שר צווישן שטערן.

געזאָגט האָט מיין טאַטע: ס׳האָט יעדער אַ שטערן.
אין הימל, אַ שר, און אויך דו האָסט אַ שטערן.

געזאָגט האָט ער נאָך: יעדער ייד איז אַ שטערן,
ווייל גאָט צוגעזאָגט האָט אברהמען: ווי שטערן
וועט גרויס און פילצאָליק דיין פֿאָלק זיין — גאָטס שטערן.

פֿון קינדהייט ביז עלטער — אין גאַנג פֿון די שטערן
האָט וועגן און קרייזן געצייכנט מיין שטערן.
געוועזן איז ער פֿאַר מיר — מיין טרוים צווישן שטערן.
און זיין וועט ער נאָך מיר — מיין וואָר צווישן שטערן.

אין אָנהייב פֿון אָוונט, ביים אויפֿגאַנג פֿון שטערן,
באַשטראַלט מיך מיט שלווה דאָס ליכט פֿון מיין שטערן.
דערנאָך, אין דער חצות־שעה, ביים טרויער פֿון שטערן,
נעמט קוקן אויף מיר מיט אַ גזר־אויג מיין שטערן.

דערנאָך, פאַר באַגינען,ביים אָפּשייד פון שטערן,
נעמט האָגלען אויף מיר אַ צעפּאַלונג פון שטערן
און וואַרפט מיך אַנידער, ביז וואַנען מיין שטערן
פאַרדעקט מיך מיט זיך, און אַ קול זאָגט: דיין שטערן
בעט חסד פאַר דיר ביי דעם האַר פון די שטערן.

איך ליג אַ פאַרדעקטער און כ'הער ווי מיין שטערן
גיט איבער מיין נאָמען צום האַר פון די שטערן.

דער ייד — דער יחיד

איך וואָלט באַדאַרפט פילן אַ באַזונדערע אימתא דיציבורא ביים שטיין דאָ און אַרויסריידן פון זיך ווערטער און געדאַנקען, וואָס, הגם איך האָב זיי שוין נישט איינמאָל אַרויסגערעדט פאַר זיך אַליין און אויך פאַר אַנדערע, וועלן זיי דאָ, האָט זיך מיר געדוכט, דאַרפן אָפּהילכן אַנדערש ווי אַלע מאָל. אַזוי האָט זיך מיר געדוכט, און מיר דוכט זיך אויך איצט. און איך האָב אפילו געטראַכט, אַז עס וואָלט באַדאַרפט זיין אַ ספּעציעלע ברכה פאַר יעדן רעדנער ער זאָל זאָגן: געבענטשט זיי, באַשאַפער פון דער וועלט, פאַר געבן מוט צו שטיין פאַר אַן עולם און האָבן פּתחון פּה. דאָס זאָג איך נישט פון עניוות וועגן, און נישט כדי אַרומרינגלען זיך מיט אַ באַוואָרעניש פון אַ פאַרענטפערונג, — טאָמער וועלן מיינע ווערטער נישט אויפגענומען ווערן ווי איך וואָלט וועלן. איך זאָג עס דערפאַר ווייל איך האָב דערוואַרט, אַז דער איצטיקער צונויפקום וועט זיין אַן אויסערגעוויינ־לעך זעלטענער. ער וועט זיין אַ יחיד במינו אינעם גאַנג פון אונדזער לעבן, אינעם גאַנג פון אונדזער היינטיקער יידישער געשיכטע און פון אונדזער היינטיקן יידישן געדאַנק, אינעם גאַנג פונעם ייד אין דער אויס־געקעמפטער זעלטן-דערגרייכטער מדינת ישראל און אין דעם גאַנג פונעם ייד אין די לענדער פון דער וועלט מחוץ מדינת ישראל, — אינעם גאַנג פון זיינע רעליגיעזע, אָדער, אַזוי גערופענע, וועלטלעכע אָנהאַלטעניש און זוכעניש, אינעם גאַנג פון אונדזער שעפערישער אַנטפלעקונג דורך

דער טיפער נאַציאָנאַלער אינטימקייט פון אונדזער קולטור, אין אירע העכסטע און וויכטיקסטע דערגרייכונגען. און ווייל איך האָב געהאַלטן דעם היינטיקן צונויפקום פאַר אַן אויסערגעווייינלעך זעלטענעם האָב איך דערפֿאַר, ביים צוגרייטן באַצייטנס מיינע ווערטער, געהאַט די איבערלעבונג, ווי איך וואָלט גאַר־גאָר צום ערשטן מאָל זיך געגרייט צו שטיין פאַר אַן עולם, און וואָלט דורכגעמאַכט מיין גאָר ערשטע דערפאַרונג צו רעדן צו אַן עולם. און מיין ערשטע דערפאַרונג, מיט כמעט פינף און פיפציק יאָר צוריק, איז געווען: איך בין געשטאַנען אין אַ וואַלד, לעבן אַ ווייס־רוסיש שטעטל, און גערעדט צו אַן עולם וועגן יידישער באַפרייאונג, וועגן יידישער מרידה קעגן נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג, וועגן יידישער דערלייזונג אין גאַנג פון וועלט־דערלייזונג. — איך האָב געזען פאַר זיך פנימער, אויגן, צוקנדיקע ליפּן. — איך האָב געזען פאַר זיך נישט נאָר סתם אַ כלל, נאָר באַזונדערע יחידים, אויסגעשפּראָכענע געשטאַלטן. איך האָב געזען פאַר זיך נישט נאָר סתם מענטשן, נאָר כ׳האָב געזען יעדן באַזונדער אין זיין קנייטש, אין זיין תנועה, אין דעם פייער פון זיין אייגענעם שוואַרצאַפּל, אין דעם פייער פון זיין אייגענעם, פערזענלעכן יידישן נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן גורל און אַז איך האָב דערזען אָט די פנימער, איז מיין רעדן מיטאַמאָל איבערגעהאַקט געוואָרן. איך בין געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם עולם מיט פאַרפלאַקערטע געדאַנקען און מיט ליפּן, וואָס האָבן זיך נישט געקענט מער באַוועגן. איך האָב מיך דערפילט פאַרשעמט, אָבער גייסטיק־אינערלעך דערהויבן. אַזוי שטאַרק האָט געווירקט אויף מיר דער בליק פון יחידישע אויגן — דער סוד פון יעדנס פנים, וואָס איז געווען געווענדט צו מיין אייגענעם פנים, דער גרויסער סוד פונעם פרט־מענטש. איך האָב דערפילט אַז ער, דער יחיד, איז די אַקס פון דער וועלט.

איז מיין רעגונג צו וועלן פאָרן צו אָט דעם כינוס עיוני געווען גרויס אין מיר, געווען גרויס אויך די שפּאַנונג און די האָפענונג, וואָס אַ מענטש האָט מיט זיך אַליין, אַ מין ווידוי — ביים לעבן כדי צו לעבן. אַ מין חשבון־הנפש וואָס אַ מענטש, און דערהויפּט אַ היינטיקער ייד, פירט מיט זיך ווען ער איז אַליין מיט זיך, אָפּגעשלאָסן אין זיין פולער יחידישקייט, אין אַ טיפער התרוממדיקייט. אַ חשבון־הנפש פון אַ היינטיקן יידנס לעבן אונטער די פליגל פון דער השגחה — צי די השגחה איז פאַר אים

דער רבונו־של־עולם פערזענלעך, אָדער די השגחה איז אַ מין גורל, וואָס ער טראָגט אין זיך דורך זיינע אייגענע מאָדוסן, געזעצן און מאָראַלישע התחיבותן — וואָס אויב זיי זענען אויף דער הייך פון טיף־עטישע גע־באָטן, פון גרויסע אַחריותן הייליק צו האַלטן דאָס מענטשלעכע לעבן — זענען סיי־ווי אויף דער זעלבער מדרגה און אין דעם זעלבן צונויפגיסן זיך מיט דעם באַשעפער פון דער וועלט פערזענלעך. איז דאָך נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזאַ באַדערפעניש פאַר דעם יידישן יחיד אָפצוגעבן זיך חשבון־הנפש, וואו ער האַלט בכלל אין דער וועלט, ווי עס איז היינט.

היינט — נאָך אַזאַ אומגליק, וואָס ס'איז פאַר אונדז דאָס היטלער־אומגליק, וואָס ס'איז גאָר נישטאָ נאָך דאָס וואָרט, נישטאָ און וועט אויך נישט זיין אַזוי שנעל. וויפל ווערק און לידער מיר האָבן נישט געשריבן וועגן דער קאַטאַסטראָפע, איז זי נאָך אַלץ נישט באַשריבן און נישט באַגריפן. היינט — נאָך די צוויי וועלט־מלחמות, אויף דער שוועל פון דער סטראַשנדיקער דריטער אַטאָם־מלחמה; היינט — נאָכן אויפקום פון אונדזער מדינת ישראל וואָס אָט באַלד ווערט זי שוין צו מזל און צו ברכה אַ צען־יעריקע, און שטייט נאָך אַלץ אין דער ערשטער פאַזע פון איר העלדישן ראַנגלען זיך פאַר אויפבוי, פאַר קיום און פאַר שלום. שטייט נאָך אַלץ אַ געצוואונגענע צו זיין באַוואָפנט, צו זיין זעלנעריש, אַנשטאָט צו זיין ווי ס'איז איר טיפסטער באַגער און ווי ס'איז אונדזער אַלעמענס באַגער, הונדערט פראָצענט כלו־פרידלעך, כלו־משיחיש. יידן בויען אַ מדינה ווייל זיי זענען אי פאַרפאָלגטע, אי גערעכטע. און די הויפּטזאַך: גערעכטע. און זיי בענקען צו זיין הויך צדקותדיק. אַ פאָלק אין פולער פרייהייט און אין גרויסן צדק. דאָס איז דער זין פון ישראל.

היינט — ווען מיר נעמען אָן ווי אַ געשיכטלעכן, און אַמאָל ווי אַ מיסטישן צייכן דעם פאַקט וואָס אַנטקעגן די אומגעקומענע זעקס מיליאָן יידן אין מזרח־אייראָפּע איז געשען אַן אויפקום פון איבער זעקס מיליאָן יידן אין די אַמעריקעס.

היינט — ווען מדינת ישראל מאַכט דורך די גרעסטע דראַמע פון אַ קיבוץ־גליות — און דער גרעסטער טייל פון אונדזער פאָלק אין אַמעריקע באַטייליקט זיך אין דער דראַמע נאָר בלב און נישט בלב ונפש. אַ משונהדיקע געשיכטלעכע פאַקטישקייט. אָבער אַ פאַקטישקייט, וואָס מיט

געשרייען פון כעס און טאַדלונגען קאָן מען זי נישט אָפּשרייען, און אויך נישט פאַרשרייען. מען מוז זיך רעכענען מיט איר. מען מוז זי באַנעמען. מען דאַרף זי אויפּאַסן דורך איר אייגענער גורלדיקייט.

היינט — ווען אויף אַ הינטערגרונט־פּאַן פון אַ יידישן עבר, וואָס האָט געהאַט אַן איינהייטלעכן פּנים, אַ צונויפגעגאָסענע גאַנצקייט, אַן איינגעשטעלטן נוסח פון אַן אָנגענומענעם רעגלאַמענטירטן לעבנסשטייגער, זענען מיר אַריין אין אַ הווה, וואָס האָט, נאָכן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, צעשפּליטערט אונדזער רעליגיעז־פרומע ראַם, אַזוי, אַז זי קען זיך מער נישט צונויפשטעלן צוריק. אָפּגעשאַפט די פון דורות איינגעשטעלטע רעגלאַמענטירונג און אָנגענומען לעבנס־פאָרמען פון די אַרומיקע פעלקער צווישן וועלכע מיר לעבן, אָבער די פאָרמען גיבן אונדז נישט קיין זעלישע רו און קיין זעלישע גאַנצקייט. וויפל מיר זאָלן זיך נישט איינשמועסן, אַז מיר האָבן עס אַפילו אין די דעמאָקראַטישסטע רעזשימען, ווי אַמעריקע, העלפט עס אונדז נישט, און ס׳ברענגט אונדז נישט קיין אמתע נשמה־רו. די יידישע נשמה איז אין דער פרייהייט פון דעמאָקראַטיעס צעררודערט היינט מער ווי ווען־עס־איז. אָפּגערעדט — די יידישע נשמה אין דעם קלעם פון דיקטאַטורן! דאָרט ווערט זי אין גאַנצן דערשטיקט.

יאָ, היינט — אין אָט די צושטאַנדן — איז גוואַלדיק גרויס פאַר יעדן איינעם פון אונדז, ווי פאַר יעדן יידישן יחיד, אָפּצוגעבן זיך חשבון הנפש — צו שטיין פאַר אַן אייגענעם באַרופענעם רבים, ווי מען שטייט פאַר אַ שפּיגל, און אָפּשפּיגלען אין אים דאָס אייגענע פּנים, און דער שפּיגל זאָל זיין ריין און לויטער און אונדזער יעדנס אָפּשפּיגלונג זאָל זיין אמתדיק און ברענגען דערלייכטערונג, פאַרשטענדעניש, התקרבות און טרייסטונג. דאָס וואָלט באַדאַרפט זיין דער תוך פון אַזאַ צונויפקום: פאַרשטענדעניש, טרייסטונג, התקרבות אויב ער זאָל דאָס נישט ברענגען, איז זיין ציל נישט דערגרייכט.

מוז איך זאָגן, צו מיין באַדויער, אַז אָט דער ציל איז נאָך קיין סך נישט דערגרייכט געוואָרן אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ. אפשר וועט עס זיין אַן אָנרעגונג צו אַ צווייטן צונויפקום, וואָס וועט זיין אין זיין כאַראַקטער גאַנצער, שטילער, באמת עיונדיק. דערווייל איז דער כאַראַקטער פון איצטיקן כינוס געווען מערסטנס (איך זאָג מערסטנס, ווייל עס זענען

געוועז אויך אויסגאַמען) צו ווייניק עיונדיק. צו ווייניק עניוות, צו ווייניק פֿאַרשטענדניש פֿאַרן צווייטן. צופֿיל איבערגעשריגענע באַטאָנונגען סיי אין געוויסע ליטעראַרישע פֿאָרמולירונגען, — באַטאָנונגען וואָס פּאַסן נישט פֿאַר אנשי־רוח.

עס איז דאָך אָבער נישטאָ היינט אויף דער וועלט קיין מענטש, וואָס זאָל זיך אַזוי נויטיקן אין ברודער צו ברודער פֿאַרשטענדעניש, ווי עס איז היינטיקער ייִד. דער יחיד־ייִד. — צי ער איז אַ פֿרומער, צי אַ וועלטלעכער. — נישטאָ קיין איין פֿאָלק אויף דער וועלט, ווי עס איז אונדזער פֿאָלק היינט, וואָס דער איינציקער מיטגליד זיינער זאָל זיין אַזוי איבערפֿולט מיט אומרו, מיט נשמה־קאָנפֿליקט, מיט סתירות, מיט באַוואוסטזיין פֿון אַן אומגעוויינלעכן, בלוטיקן, נסיונדיקן גורל, ווי עס איז דער יחיד־ייִד היינט.

נישטאָ אויף דער וועלט היינט קיין מענטש, ווי עס איז דער ייִדישער יחיד היינט, וואָס זאָל אין איינער און דער זעלבער צייט אי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון נאַציאָנאַלער גאולה, אי האָבן געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים מיט אַ נייעם עקידה־נסיון, אי מיטאַמאָל דערפֿילן די וועלט אַרום זיך ווי אַ מוראדיקן תהום וואָס לאָקט אים אַריינצושפּרינגען אין אים און פֿאַרלאָרן ווערן אין אים.

יאָ, אין איינער און דער זעלבער צייט. אי זיין אַן אויסגעלייזטער, אי זיין אַ פֿאַרלוירענער, צעטומלטער, אי נאָך אַלץ פֿילן זיך ווי אַ רעטעניש פֿאַר דער וועלט און נאָך אַ גרעסער רעטעניש פֿאַר זיך אַליין. און דאָס שליסט נישט אויס אויך דעם יחיד אין ישראל. ווייל קיינמאָל האָט דער ייִד נישט געפֿילט דעם סוד פֿון זיין זיין — סיי דעם וואונדער און סיי די אומרו פֿון זיין זיין ווי ער פֿילט עס אין די היינטיקע טעג. — טאַקע אָט דאָ אויף דער ערד פֿון ירושלים — טאַקע אָט דאָ, ווען אונדזער פֿוס רירט אָן די פֿון אייביק פֿאַרהייליקטע ערד — טאַקע אָט דאָ פֿלאַקערט אויף פֿאַר אונדז גאָר אויפֿסנייַ דער סוד און די טראַגיק פֿון אונדזער זיין אויף דער וועלט. דער סוד און די טראַגיק פֿון אונדזערע מהותדיקע ווידערשפּרוכן, וואָס זוכן אַ תיקון; דער סוד פֿון אונדזערע וואונדערלעכע אָבער בלוטיקע טויזנטער יאָרן שוועבן איבער דעם פּנים פֿון דער ערד; דער סוד פֿון אונדזערע וואַלגענישן איבער אַזויפֿיל גלותן; דער סוד פֿון אונדזערע קאַמפֿן, פֿון אונדזערע גאַנגען אויף קידוש השם, פֿון אונדזערע אויפֿשטאַנדן, פֿון אונדזערע משיחישע מרידות און דורכפֿאַלן; דער סוד פֿון

אונדזערע גרויליקע איינזאַמקייטן און גאָט־זעאונגען; דער סוד פון אונדזע־רע וואונדער־מענטשן אין די פינצטערע אָרעמקייטן; פון אונדזערע וואַסער־טרעגערישע ל״ו־ניקעס, אין וועמענס זכות די וועלט האָט קיום; פון אונדזערע גאונים, פון אונדזערע גלות־אַפּריכטער און גלות־לייטערער, וואָס האָבן דערהויבן דעם אַקט פון אָפּריכטן גלות צו קדושה; דער סוד פון אונדזערע גייער אויף באַריקאַדן און אויף תליות; דער סוד פון אונד־זער שלומה מולכוס און הירש לעקערטס; פון אונדזערע בעל־שמס און יוסף חיים ברענערס; דער סוד פון אונדזערע טרוממפעלדאָרס און אַנילעוויט־שעס, פון אונדזערע ווילנעס און אונדזערע געשיכטע־ענדערנדיקע עין־חרודס.

דאָ, אויף דער ערד פון ירושלים, זאָג איך — צום וויפלסטן מאָל שוין: — גלות איז שלעכט. מיאוס. און מיר דאַרפן פון אים אויסגעלייזט ווערן. אָבער דער ייד אין גלות איז געווען אַ וואונדער, אַ שיינקייט. און ס׳איז אַ שטאָלץ צו שטאַמען פון אָט דער שיינקייט. אָרעמקייט איז טונקל־פינצטער, אָבער דער אָרעמאַן איז לויטערקייט; תפיסה איז כולו־חושך אָבער דער אַרעסטאַנט אויב אַן אומשולדיקער, איז כולו דערהייבונג. אינק־וויזיציע איז רציחה, מאָרדונג און שענדונג, אָבער דער ייד אין די קאַ־מערן פון דער אינקוויזיציע איז געווען הייליק.

צוליב וואָס זאָג איך עס? כדי אונטערצושטרייכן דעם מהות פון אונדזער אייגנאַרטיקער ווערטיקייט דורך טויזנטער יאָרן, וואָס טאָר נישט אין קיין סיטואַציע דורך אונדז אַליין געמינערט ווערן, אָדער, חלילה, פאַר־לייקנט ווערן.

איך ציל דערצו, כדי אַרויסצוברענגען דעם געדאַנק, מיין טיפסטע אמונה, אַז דער יסוד פון דעם לעבן פון יעדן ייד, סיי אין מדינת ישראל, סיי מחוץ מדינת ישראל, איז נישט שלילה, נאָר חיוב. נישט פאַרלייקענונג, נאָר באַיאָונג. דער יסוד און סוד פון אונדזער קיום איז שטענדיקע אינטי־מע פאַרבינדונג און המשך. — טאָר קיינמאָל נישט אויפגעפאַסט ווערן אין טערמינען פון שאַרפער אָנהייבערישקייט, פון בראשית־דיקייט. נאָר איין מאָל איז געזאָגט געוואָרן דאָס וואָרט בראשית, — דאָס איז ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט. זינט דעמאָלט איז אַלץ אין פּראָצעס פון שטראָמיקייט, פון ליניעס וואָס ציען זיך און וואָס טראָגן אין זיך די גרויסע בענקשאַפט צו שליסן זיך אין קרייזן. קרייז איז, נאָך מיין מיינונג, די העכסטע דער־

גרייכונג וואָס ווערט אַנגעריירט דורך די פליגל פון גאָט. — איך וויל האָפן אַז אונדזער יידישע געשיכטע מאַכט איצט דורך דעם פּראָצעס פון צונויפ־שליסן זיך אין איר קרייז, וואו יעדער פּינטל, יעדער שטריכל איז אַ בויט־ווענדיק רינגל אין אָט דעם קרייז, וואו קיין מינדסטער פּרט טאָר נישט פאַר־שווערט ווערן, טאָר נישט אַרויספאַלן. וואָרעם טאָמער וואָרפט איר אַרויס איין מינדסטן שטריכל ווערט צעפאַלן דער גאַנצער קרייז.

דאָס זאָג איך ווי אַ וואָרענונג קעגן דער סכנה פונעם געדאַנק, וואָס וויל אויפאַסן אויך דעם אויפקום פון מדינת ישראל נישט מיט אַלע זיינע כאַראַקטער־שטריכן, אין גאַנצן באַפרייט פון אַלע זיינע השפעות. — אַ בראשית — אַן אויפקומען ווי אַ יש מאין, אָדער ווי אַן אַריבערשפרונג איבער דורות פון צוויי טויזנט יאָר.

איך דאַרף דאָ מאַכן אַ זייטיקע באַמערקונג. די דאָזיקע ווערטער האָב איך פאַרצייכנט איידער נאָך איך האָב די טעג געלייענט דעם בריוו־אויסטויש צווישן אונדזער ראש־הממשלה דוד בן־גריון און ד״ר נתן ראָטנ־שטרייך. אַז איך האָב עס איבערגעלייענט האָב איך נאָך טיפער דערפילט אין זיך די באַדערפעניש אויסצודריקן מיין אומרו איבער דעם געדאַנקען־גאַנג פון בן־גוריון, צו וועמען איך פיל גרויס פאַרערונג. מיט אַ סך פון זיינע אָפּשאַצונגען פון אונדזער געשיכטע און משיחיות בין איך דורכויס מסכים. איך האַלט אָבער זיין געדאַנק פון מאַכן אַ שפרונג און אַריבער־שפרינגען, — אַריבערהיפּן צוויי טויזנט יאָר גלות און אַריינשפרינגען גלייך צוריק אין דער פאַר דריי טויזנט יאָריקער, ווי ער רופט עס אָן, תנ־כישער אַטמאָספער, פאַר אַ סכנהדיקן. נישט, חלילה, ווייל איך האַלט נישט פון תנך, נאָר, פאַרקערט, ווייל איך האַלט אַז די אמתע באַהעפטונג פון אונדזער פאָלק, פון דעם יחידישן קאָנקרעטן ייד, מיטן תנך איז פאַרגעקו־מען נישט אין די טעג, ווען דער תנך איז געווען אין פּראָצעס פון זיין אויפקום, נאָר גראָד אין די צוויי טויזנט יאָר גלות. אין די גלותן האָט אונדזער פאָלק אויסגעפורעמט זיין גרויסע געשטאַלט. די נביאים זענען אַריין אין האַרץ פון אונדזער פאָלק ערשט אין די גלות־דורות. אויך אַזוי דער תהילים. אויך אַזוי די גאַנצע תורה. און, בכלל, אַז מען זאָגט תנך־פאָלק — וואָס מיינט עס קאָנקרעט? מיר דאַרפן זען דעם יחיד אין דעם. איך האַלט, אַז די גלותדיקע שרה בת־טובים איז אַ מער תנכישע געשטאַלט ווי בת־שבע, צוליב וועלכער דוד המלך איז באַגאַנגען אַ פשוטן מאָרד

קעגן אַן אומשולדיקן מענטשן. יאָ, בת־טובים איז אַ הערלעכערע געשטאַלט ווי בת־שבע. און וועגן בת־טובים דאַרף דער יונגער יידישער דור סיי אין ישראל, סיי אומעטום וויסן מער ווי וועגן בת־שבען. איך האַלט אַז די מע־שיות וועגן אַ ייד הקדוש־געשטאַלט זענען מער תנכיש, ווי די מעשה וועגן פלגש בגבעה; איך האַלט, אַז די מעשה ווי אַזוי אַ שוסטער־יונג הירש לעקערט האָט אַריינגעשאָסן קוילן אין אַ ווילנער גובערנאַטאָר פּאַר שמייסן יידישע אַרבעטער דעם ערשטן מאַי, און איז צוליב דעם געגאַנגען אויף דער תליה, איז נישט ווייניקער תנכיש פון דער מעשה ווי אַזוי דער פּאַסטעך דוד האָט אַריינגעשליידערט אַ שטיינדל אינעם שטערן פון גלית הפלישתי. יאָ, וועגן דעם דאַרפן יידישע קינדער לערנען און נישט מאַכן זיי פּאַר איבערשפּרינגער איבער אָט די און ענלעכע גרויס־וואונדערלעכע יידישע געשעענישן. זיי דאַרפן זען דעם לעבעדיקן, פּשוטן יידישן מענטשן אין זיין גאַנצער העראָישקייט. נישט גלאַט סתם פאָלק. די אויפפאַסונג פון אַ יש מאַין אָדער ווי אַן אויפגעריסנקייט פון אַ בראשית, אויף וויפל זי איז אַ ביסל נויטיק כדי צו שטאַרקן דעם ווילן פאַר אַ געשיכטלעכער רע־וואָלוציאָנערער ענדערונג, מוז זי אָבער נישט אַריבערטרעטן די גרענעץ פון „אַ ביסל". זי, די אויפפאַסונג, מוז גלייך געשטעלט ווערן אונטער קאָנ־טראָל און אַריינגעבראַכט ווערן צוריק אין פּראָצעס פון המשכדיקייט, צו־ריק אין שויס פון איר געזעצלעכער מוטער — די פאַרגאַנגענהייט, און אין די אָרעמס פון איר געזעצלעכן פאָטער, דעם עבר, כדי, ווי אַ נאַטירלעך קינד, וואָס ווערט אויסגעטראָגן געזונט, אַריינוואַקסן אין אַ געזונטן עתיד. דאָס דאַרף זיין דער יסוד פון דער דערציונג פון אונדזערע קינדער.

יעדע צו לאַנגע עקספּלואַטירונג פונעם באַגריף נייער אָנהייב אין שייכות מיט דער יידישער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע מוז פירן אי צו נאַ־ציאָנאַלער, אי צו קולטורעלער טראַגעדיע — צו ירידה.

מיר האָבן געהאַט אַ בלוטיקע לעקציע, נישט נאָר אין דעם דייטשישן פאַשיזם, אין דעם היטלעריזם, וואָס האָט זיך פאַרריסן ביז צו אַבסאָלוטער משוגעת און תלינישקייט אין דער אידייע פון אַ דייטשן נייעם אָנהייב, — מיר האָבן אויך געהאַט אַזאַ בלוטיקע לעקציע אינעם באָלשעוויזם. אין אַלע זיינע פאָרמען, פון לענינען און סטאַלינען ביז די היינטיקע פאַרשטיי־ער זיינע — ווי אַזוי די וואַנזין־אויפפאַסונג פון אַ „נייעם אָנהייב" האָט דאָרט געאַרבעט, כדי צו פאַרוואַנדלען זיך אַקוראַט אינעם היפוך פון דעם

וואָס די ערשטע האָפענונג איז געווען. אויך די מוראדיקע טראַגעדיע פון דעם טייל פון אונדזער פאָלק אין סאָוויעט־רוסלאַנד האָט זיך אָנגעהויבן דאָרט און זיך אַזוי פאַטאַל פונאַנדערגעוויקלט, נישט נאָר צוליב דער נידערטרעכטיקער סטאַליניסטישער דיאַלעקטיק אַליין, נאָר דער עיקר צוליב דעם, וואָס די יידישע קאָמוניסטישע פירער און שרייבער, וואָס זענען געוואָרן די פּועלע באַלעבאַטים איבער דער יידישער קולטור און יידישן גייסטיקן לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אין די לענדער אונטער סאָוויעט־רוסלאַנדס השפּעה, זענען, נאָך מער ווי די רוסישע פירער און שרייבער, אַריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן טראַנס פון אַ בראשית — אַז די יידישע געשיכטע הייבט זיך אָן פון 1917 און אַז אַלץ וואָס איז געווען פריער איז נישט מער ווי אַלטער שימל. צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען דאַרף איך אייך נישט דערציילן. די יידישע שרייבערס פון סאָוויעטן־רוסלאַנד האָבן נישט געוואָלטליידן, ווען ווער פון אונדז האָט זיי געוואָרנט וועגן דער געפאַר אויפצופאַסן, אַז יידישע געשיכטע הייבט זיך אָן מיטן יאָר 1917. היינט קאָנען זיי שוין אפילו נישט צוגעבן זייער טעות, ווייל זיי ליגן אַלע געשאָכטענע דורך זייער פאַרגעטערטן שעכטער. אָבער ווען אפילו עס וואָלט נישט געשען, אַז זיי זאָלן אומקומען דורך דעם סטאַלין־געץ, וואָלטן זיי געמוזט צעשטערט ווערן אין זיך אַליין, אויב זיי וואָלטן אָנגעהאַלטן זייער מאַניע צו זען די געשיכטע פון אונדזער פאָלק אינעם ליכט יאָר פון זייער נייעם אָנהייב

איך שטעל זיך אָפּ אויף דעם אַ ביסל לענגער, ווייל עס איז נויטיק זוידער און ווידער צו באַטאָנען, אַז עס איז אַ גרויס אומגליק פאַר דער וועלט אָנצונעמען די טעאָריע, אַז אַ מענטש קאָן באַשאַפן א יאָ פון אַ ניין; אַז כדי צו ברענגען גאולה, אָדער כדי אַליין אַריינצולעבן זיך אין דער געשטאַלט פון אַ וועלט גואל, מעג מען און מען דאַרף גיין געאָרעמט מיטן שטן, אַז כדי צו ברענגען די אהבה מעג מען און מען דאַרף פאַרשיכורן זיך מיט שנאה.

אָט דער סאָרט מענן האָט נישט איינמאָל צעבראָכן מיין לעבן און נישט איינמאָל אָנגעפילט מיין נשמה מיט אומגליק און פאַרצווייפלונג. און איר מעגט טראַכטן,, אַז, דער יחיד וועגן וועלכן איך רעד, קאָן זיין איך אַליין, אָדער יעדער פון אייך.

אוודאי, איבערגייענדיק פון די רוצחישע וועלט־פאַרניכטער וואָס

האָבן מער ווי אַלץ געזוכט צו פאַרניכטן אונדזער פאָלק, — איבעריגייענ־דיק פון זייערע מעשים צו אונדזערע מעשים, דאַרפן מיר זאָגן טויזנט מאָל להבדיל. אָבער דאָך — דאַרפן מיר פון דעם עפּעס אָפּלערנען ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אונדזערע אייגענע גורלות צווישן זיך אַליין.

דאָס אַלץ האָט איבערהויפּט אַ שייכות ווי אַזוי מיר שאַצן אָפּ היינט די פאַרבינדונג צווישן ישראל און גלות. ווי אַזוי מיר שאַצן אָפּ דעם קאָנ־קרעטן יחיד־ייִד אין מדינת ישראל פון דעם קאָנקרעטן ייִד אין גלות — וואָס זענען זיי איינער פאַר דעם אַנדערן?

יאָ, איך נוץ דעם טערמין גלות און נישט דעם קאַמופלאַזש־טערמין תפוצה. הגם איך פיגוריר נישט ווי אַ ציוניסט האָלט איך, אַז אַ ייִד, וואָס איז צוליב דער אָדער יענער סיבה נישט אין ארץ ישראל, — אין דעם לאַנד וואָס ער אָנערקענט, אַז זיין פאָלק איז פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן און ער דאַרף אַהין צוריקגיין, — איז אין גלות. אויך אַמעריקע, האַלט איך, איז אויפן פאָן פון דער ייִדישער געשיכטע דורכאויסיקער גלות. אויך וועגן זיך זאָג איך, אַז איך בין אין גלות, הגם אַמעריקע האָב איך ליב, סיי צוליב איר אַליין, סיי צוליב דעם וואָס אויף איר ערד האָבן מיליאָנען פון אונדזער פאָלק געפונען פרייהייט. פאַר מיר איז אָבער קלאָר: כּל־זמן אַ ייִד טראָגט אין זיך אַקטיוו די גורלדיקייט פון דער היינטיקער ייִדישער געשיכטע אין זיין בונד מיטן נישט־איבערגעריסענעם גרויסן ייִדישן עבר — לעבט אין אים, וואו ער זאָל נישט זיין, זיין בענקשאַפט נאָך צוריקקער קיין ארץ־ישראל. אַ ייִד, וואָס באַפרייט זיך באַוואוסטזיניק פון דער דאָזיקער בענקשאַפט, ער גיט זי באַוווסטזיניק אויף, ער פאַרלייקנט זי, — פאַר־לייקנט ער און פאַרלירט דעם עצם פון זיין נאַציאָנאַלער ביאָגראַפיע, וואָס איז אין תוך אויך זיין פּערזענלעכע ביאָגראַפיע. עס פאַלט פון אים אַוועק איינער פון די קענטיקסטע צייכנס פון זיין ייִד־געשטאַלט. נאָך מער: איך זאָג עס פון מיין אייגענעם לעבנס־געפיל: אַ ייִד אין אַמעריקע וואָס פילט טאַקע אַז ער איז לחלוטין נישט מער אין גלות — פאַרלירט דעם תוך פון זיין ייִד־געשטאַלט. איך זאָג אָבער אויך: אַ ייִד אין ישראל וואָס זאָגט, אַז יעדער ייִד מחוץ ישראל האָט נישט מער קיין תוכיקע שייכות מיט אים, אָדער ער איז פאַר אים אין בעסטן פאַל מינדערווערטיקער פון אים — אַזאַ ייִד אין ישראל וואָס זאָגט עס — אויך ער פאַרלירט דעם תוך פון זיין ייִד־געשטאַלט.

און דאָ קום איך צו מיין אויפאַסונג פונעם מהות ייד, פונעם יחיד־ייד, און צו דעם חילוק וואָס ס׳איז דאָ צווישן מיין אויפאַסונג און דער אויפאַסונג פון דעם אָפיציעלן ניי־שטאַטלעכן ישראל־ייד, און אויך פון דעם אָפיציעלן יידישן אַמעריקאַניזם.

אַ ייד אין ישראל דאַרף זיין, און איז נאַציאָנאַל גליקלעכער, פסיכיש גאַנצער. ער איז אין שלום מיט זיך אַליין. ער איז, היסטאָריש, צוריק אין דער היים, און דאָס דאַרף זיין און איז די גרויסע רעגונג מקנא צו זיין אים און ציען זיך צו אים. דאָס איז די אייביקע רעגונג וואָס לעבט אין אונדז צו ארץ ישראל, — און היינט — צו מדינת ישראל. אַ רעגונג, וואָס איך בין איבערצייגט, אַז מיט דער צייט וועט זי מיט גרויסער אינערלעכער פלאַמיקייט אַרומכאַפּן אויך די אַמעריקאַנער יידן. יאָ, מיט דער צייט וועט קומען די פלאַמיקע רעגונג. מיר מוזן האָבן, היסטאָריש, געדולד.

דאָס מיינט אָבער לחלוטן נישט, אַז דאָס גיט אַ רעכט דעם היינטיקן ישראל־ייד גאווהדיק צו טראַכטן, אַז ער איז נישט נאָר אַ היים־באַרואיקטערער, נאָר אויך אַ מאָראַליש בעסערער, אַן עטישערער, אַ געוויסן־מהותדיקער פונעם ברודער־ייד אין גלות. גענוג צו זען די ביטערע אומגלייכקייט וואָס נעמט דאָ וואַקסן צווישן אָרעם און רייך, כדי צו דערפילן די דאָזיקע ספקות.

פאַרגעסט נישט: די בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל איז אויך געווען שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ בענקשאַפט נאָך פולער צדקות, נאָך העכערער גערעכטיקייט, נאָך עטישער שלימות פונעם יחיד־ייד. נאָך אמתער משיחיות — נאָך ירושלים של מעלה. אָבער אָט די בענקשאַפט איז אַלע מאָל געווען אין פולער שותפות מיט דעם יידישן אדם־עליון אין דער גאָרער וואָגל־וועלט, אין דער וועלט פון ליידן און געלייטערטן צער. אָט די משיחישע בענקשאַפט איז קיין מאָל נישט געווען גאווהדיק, עגאָצענטריש, בײ־טולדיק צו גייסטיקע מרחקים. וואָס מער די גייסטיקע יש״ן זענען אַרויסגעדרונגען פון דער יידיש־מענטשלעכער ליידנדיקער דערקענטעניש, פון. דעם יידנס דערהויבענע יסורים־געזאַנגען און תפילות, אַלץ ליכטיקער און געטלעכער זענען געוואָרן די דאָזיקע יש״ן.

אַ ייד האָט זיך געפילט געקניפּט און געבונדן מיט דער נשמה און מיטן גוף פון אַ צווייטן ייד ערגעץ אין דער ווייטסטער וועלט. און אין

דעם איז געלעגן די גרויסקייט זיינע. ווער עס פאַרלייקנט עס, ווער עס טראָגט אַריין אין דער אָפּשאַצונג פון מהות ייִד אַ צוגאַנג פון מערוועדטי־קייט, אַז איין סאָרט ייִד איז סולת און אַ צווייטער סאָרט ייִד איז פסולת, — דער גראָבט אונטער דעם יסוד פון אונדזער פאָלק. אין בעסטן פאַל שאַפט ער עפּעס אַזאַ מין מעכאַנישע „קאָ־עקסיסטענץ" צווישן דעם ישראַל־ייִד און דעם גלות־ייִד. די דאָזיקע באַ־צייכענונג פון אַ ייִדישער „קאָ־עקסיסטענץ" געהערט צו מיין גוטן פריינד פּראָפעסאָר שמעון ראַבידאָוויטש ע"ה, וואָס איז אַזוי אומגעריכט צוגענו־מען געוואָרן פון אונדז. און דאָס איז אַ טרעפלעכע באַצייכענונג. ער אַי־ראָניזירט איבער אַזאַ „קאָ־עקסיסטענץ" מיט פולער רעכט און מיט פולן ווייטיק. ווייל עס קען נישט זיין קיין מער גראָטעסקישער צושטאַנד ווי אַ ייִדישע קאָ־עקסיסטענץ אויב אַזוינס זאָל טאַקע זיך שאַפן צווישן דעם ייִד אין ישראל און דעם ייִד אין גלות. נישט אַ סערוואַנטעס און נישט אַ שלום־עליכם וואָלטן געקענט אויסמאָלן דעם גראָטעסק פון אַזאַ שייכות.

צוליב וואָס רעד איך עס? ווייל די פּלוגתא און די אָפּשאַצונג פון מערוועדטיק און מינדערוועדטיק גייט נאָך אַלץ אָן צווישן אונדז און דער־הויפּט גייט זי נאָך אָן ביי אַ טייל פון דער ישראלדיקער פּובליציסטיק און ישראלדיקער ליטעראַטור. און אויך אין די רייד פון אייניקע הויפּט־פירער פון דער ישראל־מלוכה. אַמאָל אָפן און אַמאָל בסתר. און דאָס האָט אַ גרוי־סע שייכות צו אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער קולטור־פּראָבלעם, דערצי־ונג־פּראָבלעם, ליטעראַטור־פּראָבלעם, שפּראַך־פּראָבלעם. דאָ קומט אַריין אונדזער טראַגעדיע פון קולטור־שפלות און קולטור־סנאָביזם. דאָ קומט אַריין אויך די טראַגעדיע וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין אונדזער פאָלקסלעבן צווישן ייִדיש און העברעאיש און צווישן דער עצם ענין קולטור אין ישראל און מחוץ ישראל.

איך זאָג דעם אמת: איך פּערזענלעך בין שוין גאַנץ מיד פון אונדזע־רע קולטור־ און שפּראַך־טראַגיזמען. איך בין צו שטאָלץ היינט צו מאָנען ביי ייִדן כבוד פאַר ייִדיש. איך טו מיין זאַך ווי מיר איז באַשערט צו טאָן. איך ווייס אויך, אַז מיר אַלע, ווער מיר זאָלן נישט זיין און וואו מיר זאָלן נישט זיין, זענען נישט די לעצטע פּוסקים און אַנטשיידער. נישט מיר. — דער צד, צי יענער צד, — זענען די פולע אַבסאָלוטע האַרן איבער אונד־זער געשיכטע, אפילו ווען מיר זענען יאָ אין געוויסע מאָמענטן אירע מייס־

טערס און בויערס. עס איז אָבער דאָ אַ נאָך העכערע קראַפט איבער אונדז. דאָך דאַרף איך זאָגן, אַז איך ווער פול מיט צער ווען איך זע ווי אין אַמעריקע שטויסן גרויסע שיכטן יידן אַרויס פון זייער גייסטיק לעבן סיי יידיש סיי העברעיש — ביידע שפּראַכן, וואָס האָבן אונדז געגעבן גרויסע נאַציאָנאַלע קיום־און קונסט־ווערטן, — אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס איז אָנגעפילט מיט אינטים־אייגענע געשטאַלטן, געזאַנגען און סימבאָלן. זיי גייען איבער אינגאַנצן אויף ענגליש, צו אַ יידיש־ענגלישער ליטעראַטור וואָס מוז זיין אָן וואָרצלען און אָן טיפער פאָלקס־סימבאָליק. מוז זי, מיט אייניקע אויסנאַמען, זיין דערפאַר אויבערפלעכלעך, נאָכמאַכער׳ש און אין תוך, ליידיק. אַנדערש קען עס נישט זיין. די אַרויסשטויסונג פון יידיש און אויך פון העברעיש נעמט אָן אין אַמעריקע אַ פאָרם פון אַ נעווראָזע אָן יידיש און אָן העברעיש קאָן היינט אויף קיין אַנדער שפּראַך נישט געשאַפן ווערן קיין נאַציאָנאַלע יידישע קולטור וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן דעם דאָזיקן נאָמען.

איך ווער אויך פול מיט צער ווען איך הער רייד וועגן העברעאיזירן אַמעריקע אויפן סמך פון אַרויסשטויסן יידיש, וואָס דאָס מיינט, אַז דער רעזולטאַט מוז זיין אינגאַנצן פאַרענגלישן די יידישע אַמעריקע. איך קען אַמעריקע. איידער איר וועט פאַרהעברעאישן איין יידישע שטוב אויפן אָרט פון יידיש וועט איר גלייך פאַרענגלישן טויזנט שטיבער. אויך דאָס איז אַ נעווראָזע.

אַן אַנדער סאָרט נעווראָזע — אָבער אַ נעווראָזע! — שפּילט זיך אָפּ אויך אין ישראל בנוגע אונדזערע קולטור־פּראָבלעמען אין שייכות צום יידיש־לשון און צו אַלץ וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון יידן אין גלות. איך האָב שוין פריער וועגן דעם דערמאָנט, אָבער איך מוז עס דערמאָנען נאָך אַ מאָל. דאָס האָט געוויס אַ שייכות צו די סתירות פון דעם יידישן יחידס געמיט. עס האָט אַ שייכות נישט נאָר צו דער וועלט פון דעם שרייבער, פון דעם פּאָעט און דערציילער. עס האָט אַ שייכות צו דער וועלט פון יעדן יידישן מענטש.

איך ווייס, אַז לעצטנס זענען אָנגעשטאַנען אין געוויסע קרייזן פון דער העברעישער ליטעראַטור אין ישראל גרויסע ענדערונגען דאָ לטובת יידיש און לטובת דער גאַנצער געשאַפענער קולטור אונדזערער אין גלות, לטובת דעם גאַנצן יידישן מהות אין גלות. די ענדערונגען פרייען מיך געוויס.

אָבער אָט לייען איך — ניין יאָר נאָכן אויפקום פון מדינת ישראל, ניין יאָר פון זוכענישן איינצושטעלן אַ גלייכגעוויכט אינעם צערודערטן, דורך גאַז־קאַמערן און דורך קרעמאַטאָריעס דורכגעשרפטן ייִדישן גוף און נשמה — איז אָט לייען איך ניִשט לאַנג ווי אַ העברעישער שרייבער אין ישראל זאָגט עפנטלעך בזה הלשון: מיט ייִדיש איז דער גלות־ייִד, דער געטאָ־ייִד, נאָר געגאַנגען צום גאַזקאַמער, און מיט העברעיש איז דער ישראל־ייִד געגאַנגען צו סיני. איך ווייס: דער וואָס האָט געזאָגט די דאָזיקע, מילד־געדעדט, אומזיניקייט, איז ניִשט מער ווי אַ יחיד. דערצו נאָך ווען דער יחיד שטייט פאַר אַן עפנטלעכקייט. איך נעם דעם געוויסן פרט און מעסט מיט אים אַ געוויסן כלל — יענעם כלל, וואָס אָט דער פרט איז זיין מויל און זיין אויסדרוק.

אמת, איך וואָלט פאַרט ניִשט אָפּגעשטעלט זיך דאָ אויף דעם, ווייל איך וואָלט אַליין וועלן אָננעמען דעם דאָזיקן זאָג ווי אַן עקסטרעמען יוצא מן הכלל, ווי אַ זאָג פון איינעם אויף וועמען ס'איז אָנגעפאַלן אַ חושך־הדעת אָבער איך מוז זאָגן, אַז אפילו אויף דעם איצטיקן כינוס האָב איך פון אייניקע רעדנער אַרויסגעהערט אונטער־טענער פון יענער ניִשט דער־לאָזבאַרער עקסטרעמקייט צו פאַרבייגן, און ניִשט צו דערמאָנען אפילו, די גרויסע ייִדישע ליטעראַטור וואָס האָט געשפּילט און שפּילט אויך הייַנט אַ וואונדערלעכע ראָלע אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק.

הייסט עס, אַז אויך דאָס האָט אין זיך סימפּטאָמאַטישקייט פון דער נעוואָזע. און פון דער נעוואָזע איז נאָר איין אייגנציקער טראָט צו דער נעוואָזע פון יענעם, וואָס רעדט מיט פאַראַכטונג וועגן דעם ייִד וואָס איז געגאַנגען מיט ייִדיש צום גאַז־קאַמער. דער וואָס האָט עס געזאָגט, האָט אוודאי געמיינט, אַז מיט דעם דערהייבט ער דעם ישראל־ייִד וואָס איז געגאַנגען צום סיני, אָבער ער איז באַגאַנגען אַ טעות: מבזה זייענדיק דעם ייִד, וואָס איז געגאַנגען צום גאַז־קאַמער, האָט ער אויך מבזה געווען דעם ייִד וואָס איז געגאַנגען צום סיני. ווייל ס'איז אַ שקר, אַז מיט ייִדיש איז דער גלות־ייִד נאָר געגאַנגען צום גאַז־קאַמער. מיט ייִדיש איז דער גלות־ייִד אויך געגאַנגען צו די העכסטע נאַציאָנאַלע און משיחישע הייכן. מיט ייִדיש איז דער גלות־ייִד אויך געגאַנגען אויף באַריקאַדעס און אויף גרויסע רעוואָלוציאָנערע מרידות. מיט ייִדיש איז דער ייִד פון וואַרשעווער געטאָ געגאַנגען צו זיין אומפאַרגלייכלעכן אויפשטאַנד קעגן אַ מעכטיקן

וועלט־פאַרניכטער; אויף יידיש האָט גערעדט דער בעל־שם־טוב, דער גרויסער גלות־ייד, און אָנגעצונדן דאָס חסידישע פייער; אויף יידיש האָט רבי נחמן בדאַצלאַווער דערציילט זיינע גאונישע מעשיות; אויף יידיש האָט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער גערעדט צום רבונו של עולם אַליין; אויף יידיש האָבן די בראַצלאַווער חסידים, אין די טעג פון יידישן אויפֿשטאַנד אין וואַרשע, גערופן און אויסגעשריען: גוואַלד, יידן, זייט זיך נישט מייאש. — אויף יידיש איז געשאַפן געוואָרן אַ גרויסע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור וואָס איז אומפאַרגלייכלעך אין איר וויטאַליטעט, אין איר שטאַרקונג פון יידישן קיום, אין איר ווערן די שטאַרקסטע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע, אין איר גערANGל און אין איר אַנטפלעקונג, אין איר באַווייַנען און געבן דערשיטערנדיקן קינה־אויסדרוק דעם אומקום פון אונדזער פֿאָלק אין די היטלער־יאָרן.

און אויב עס זאָל אפילו זיין אמת, אַז מיט יידיש איז דער גלות־ייד נאָר געגאַנגען צום גאַז־קאַמער, קאָן איך נאָר זאָגן איין זאַך: פאַלט כורעים פאַר דעם דאָזיקן יידיש! פאַלט כורעים פאַר דעם דאָזיקן גלות־ייד! פאַלט כורעים און קושט אויס יעדעס שטויבעלע, וואָס דער פוס פון אָט דעם גלות־ייד האָט באַרירט אין זיין הייליקן גאַנג צום גאַז־קאַמער.

אונדזער יידיש־פּאָעזיע האָט די דאָזיקע יידן, די גייער צום גאַז־קאַמער, דערהויבן — און מיט רעכט און מיט גרויס ליבשאַפט — צו ליכטיקע, שטראַלנדיקע יידן.

די באַצייכענונג שטראַלנדיקע יידן אין שייכות מיט די יידן, וואָס זענען געגאַנגען צום גאַז־קאַמער, געהערט צו אַ היינטיקן וואונדערלעכן יידישן פּאָעט אין אַמעריקע, יעקב גלאַטשטיין; און גראָד אויף יידיש האָט אַ וואונדערלעכער יידישער פּאָעט דאָ אין ישראל, אברהם סוצקעווער, באַזונגען מיט שטראַלנדיקע ווערטער דעם מאַרש צום סיני; — קומט אַ ייד אין ישראל און מאַכט פון שטראַלנדיקע קודש־יידן און פון שטראַלנדיקן סוצקעווערישן יידיש־לשון חוזק אויף לשון־קודש. באַווייזט ער מיט דעם נאָר, אַז ער און זיינס גלייכן האָבן נישט קיין חוש פאַר קיין שום הייליקייט, און נאָך פאַר אַזאַ הייליקייט!

און איצט, צום סוף, דערלויבט מיר צו דערציילן אייך עפּעס וועגן מיר אַליין פערזענלעך, עפּעס וועגן מיר — דעם פּרט אין כלל ישראל,

עפּעס וואָס גייט מיר נאָך אַ גאַנץ לעבן. עפּעס וואָס איז געשען מיט מיר ווען איך בין אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר זיבן, און היינט, ווען איך בין שוין ערב זיבעציק, שטייט עס פֿאַר מיר ווי דאָס וואָלט געשען ערשט היינט. איך האָב וועגן דעם דערציילט אין „טאָג מאָרגן-זשורנאַל" אין ניו־יאָרק, און איך וועל עס אייך דערציילן איצט בקיצור, ווייל עס האָט אַ גרויסע שייכות צו אַלעם וואָס איך האָב גערעדט פֿריער.

יאָ, איך בין אַלט געווען אַ יאָר זיבן. בין געגאַנגען, אין איינעם אַ טאָג, אין חדר. אַ ליכטיק זוניקער ווינטער־טאָג, אַ שטיל־פּראָסטיקער, ווי עס טרעפֿט אין די ווייס־רוסישע שטעטלעך. איך גיי, אין פֿרימאָרגן, צום חדר וואָס אין שול-גאָס. איך גיי דורך אַ גרויסן מאַרק און קער זיך אָפּ אין אַ גאָס, וואו עס איז געשטאַנען דער פּוילישער קאָשטשיאָל. איך גיי פֿאַרביי דעם קאָשטשיאָל־אַריינגאַנג. ערשט עס שפּרינגט צו מיר צו אַ הויכער גע־זונטער פּאָליאַק און גיט מיר אַ זעץ מיט זיין פֿויסט איבערן קאָפּ, רייסט אַרונטער מיין היטל און וואַרפֿט עס צוזאַמען מיט מיר צו דער פּראָסטיקער ערד. ער שלאָגט מיך און שרייט דערביי: זשיד, אַז מען גייט פֿאַרביי אונ־דזער קאָשטשיאָל דאַרף מען אַרונטערנעמען דאָס היטל! זשיד! —— —— איך שטיי קוים אויף, כאַפּ מיין אַרונטערגעשליידערט היטל און יאָג מיט אַ געוויין צום חדר. עס קלאָגט אין מיר מיין האַרץ: פֿאַרוואָס האָט ער, דער הויכער גוי, געשלאָגן מיך, אַ זיבן יאָריק קינד? און פֿאַרוואָס, ווען ער, דער גוי, גייט פֿאַרביי אַ יידישע שול מיט אַ הוילן קאָפּ, צווינגט אים קיינער נישט ער זאָל אָנטאָן דאָס היטל? איך קום אַריין אין חדר. פֿאַרשטיק מיין געוויין. איך זעץ זיך לערנען חומש. דער רבי לערנט מיט אונדז די סדרה וירא, די פּרשה פֿון יצחקס עקידה. יצחק גייט מיטן טאַטן אברהם צום באַרג מוריה, און אָט ליגט יצחק אַ געבונדענער אויפֿן מזבח און וואַרט צו זיין געשאָכטן. מיין האַרץ וויינט אין מיר נאָך שטאַרקער. עס קלאָגט ממש פֿון גרויס רחמים צו יצחקן. אָט הייבט אויף אברהם דעם מעסער. מיין האַרץ ווערט ממש פֿאַרגליווערט פֿון פּחד. מיט אַ מאָל — דעם מלאכס קול: אבֿ־רהם, הייב נישט דיין האַנט אויף דיין זון, שעכט אים נישט. דו ביסט נאָר אויסגעפּרובירט געוואָרן דורך גאָטס נסיון. —— ערשט דאָ ברעך איך אויס אין אַן אָפֿן געוויין. —— וואָס זשע וויינסטו איצט? פֿרעגט דער רבי —— יצחק איז דאָך נישט געשאָכטן געוואָרן. —— זאָג איך אין מיין געוויין: אָבער וואָס וואָלט געווען, רבי, ווען דער מלאך פֿאַרשפּעטיקט אויף איין

רגע? — דער רבי טרייסט מיך, באַרואיקט מיך, אַז אַ מלאך קאָן נישט פֿאַרשפּעטיקן. אין מיר אָבער איז די מורא פֿאַר אַ פֿאַרשפּעטיקונג געבליבן. — פֿון חדר גיי איך אַהיים. ס׳איז שוין פֿאַרנאַכט. איך גיי פֿאַרביי דעם גרויסן הויף פֿון דעם פּריץ יאַסעוויטש. איך גנבֿע זיך אַריין אין פּריצישן הויף, מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין איינעם פֿון די צימערן פֿונעם פּריצס פּאַלאַץ זיצט פֿאַרשפּאַרט הינטער גראַטעס דעם פּריצס אַ זון, אַ געריהטער פֿון זינען. איך בין פֿול מיט נייגער און מיט אַ מאָדנער פֿאַרכאַפּטקייט צו זען דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש הינטער גראַטעס. איך וויל זען דעם דאָזיקן מענטש פֿון פּיין, פֿון ליידן. און אָט זע איך אים. איך שטיי לעבן זיין פֿאַרשמידטן פֿענצטער און קוק אויף אים דורך די גראַטעס. ער שטייט אינעווייניק ביים פֿענצטער און קוקט אויף מיר. ער קוקט שטום, פֿאַרגליווערט. גרויסע שרעקלעכע אויגן. דער מאַן אַליין — אַ ריז, אַ קאָפּ און פּנים ווילד אַרומגעוואַקסן מיט שוואַרצע קנוילן האָר. איך קוק אויף אים ווי אַ פֿאַרכישופֿטער, ווי כ׳וואָלט קוקן אין אַריינציענדיקן תהום. אונדזערע אויגן באַגעגענען זיך. מיינע קני נעמען זיך אונטערברעכן, כדי צו ראַטעווען זיך מיט עפּעס, נעם איך און טו אַ שפּיצל: ביים פֿענצטער איז געהאַנגען אַן אייזערנער שטאַנג, מיט וועלכן מען פֿאַרשליסט ביינאַכט די פֿענצטער־לאָדן. דער שטאַנג איז געפֿרוירן. וויל איך באַווייזן דעם שרעקלעכן מאַן אַז איך וויל אים מיט עפּעס פֿריילעך מאַכן, פֿאַרווײַלן, — לייג איך צו מיין צונג צום געפֿרוירענעם אייזן. מיין שפּיץ צונג קלעפּט זיך צו צום אייזן, פֿרירט צו. איך גיב אַ ריס אָפּ מיין שפּיץ צונג און מיין צונג נעמט בלוטיקן, פֿילט אָן מיט בלוט מיין מויל און טריפֿט אויף מיינע קליידער. אין בהלה נעם איך לויפֿן אַהיים. פֿאַל אַריין אין שטוב אַ פֿאַרגאָסענער מיש פֿלעקן בלוט. און איך פֿאַל דערנאָך אַריין אין אַ גרויסן פֿיבער. —

ווי איר זעט, רבותי, פֿיר מאָמענטן, פֿיר שאַרפֿע איבערלעבונגען אין איין טאָג אינעם לעבן פֿון אַ זיבן־יאָריק קינד. דאָס וואָלט געווען צופֿיל אַפֿילו פֿאַר אַ דערוואַקסענעם. ווער רעדט נאָך — פֿאַר אַ קינד. ס׳איז אָבער נישטאָ, ווייזט אויס, קיין צופֿיל פֿאַר אַ יידיש קינד! די פֿיר פּאַסירונגען אין איין טאָג האָבן געלייגט אַ שטענדיקן חותם אויף מיין גאַנצן לעבן און זענען געוואָרן דער אונטער־טאָן פֿון אַלע מיינע שפּעטערדיקע לידער און דראַמעס; דער אונטערטאָן פֿון מיין זיין אַ ייד און פֿון מיין

גאַנצן ייד־גורל. דאָס איז אויך דער אונטערטאָן פון די אַלע רייד, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט אָט דאָ פאַר אייך.

יאָ, איך בין אַלט געווען דעמאָלט זיבן יאָר און אָט בין איך שוין ערב זיבעציק, און די פיר געשעענישן געשען אויך היינט מיט מיר — דעם יחיר־ייד, נישט ווייניקער גורלדיק און נישט ווייניקער טראַגיש. אָבער אויך נישט ווייניקער אַנטשיידנדיק און זכיהדיק.

איך פיל נאָך היינט פריש־ווייטיקדיק דעם פּאַליאַקס, דעם גויס, פּוסט איבער מיין פּנים, — אַ קלאַפּ פון אַ פויסט פאַר קיין שום שולד. איך זע נאָך היינט די גרויליקע אויגן פון דעם מענטש הינטער גראַטעס. — גראַ־טעס, הינטער וועלכע איך אַליין האָב שפּעטער, אין צאַרישע תּפיסות פאַרבראַכט לאַנגע יאָרן. פאַרוואָס ? פאַר וועלן פרייהייט. פאַר וועלן אַ וועלט אָן גראַטעס. איך זע דעם פאַרשפאַרטן מענטשן. דעם ווילד־פאַר־וואָקסענעם, דעם פאַרזונקענעם אין עלנט, אין פינצטערניש, — דעם פאַר־לאָזענעם. איך טראָג נאָך היינט אין זיך מיין וועלן אויספּרובירן די נאַ־טור, דעם קאַלטן געפרוירענעם אייזן, מיין ווילן צו צולייגן מיין צונג צו דעם עצם פון דער נאַטור, פאַרזוכן איר טעם, און פאַרזוכנדיק דעם טעם באַגיסן זיך מיט אייגענעם וואַרעמען בלוט. אָבער מער פון אַלץ גייט מיר נאָך יצחקס ליגן אויף דעם עקידה־מזבח, זיין קוקן אויפן אויפגעהויבע־נעם מעסער ביז דער מלאך פון גאָט זאָגט אָן אַז ס'איז געווען נאָר אַ נסי־יון, און ס'גייט מיר נאָך אי ווי אַ גזר, אי ווי אַ געזאַנג, מיין קינדישע פראַגע : רבי, ווי וואָלט געווען ווען דער מלאך פאַרשפּעטיקט אויף איין רגע ?

עס גייט מיר נאָך, ווייל אָט האָב איך דאָך געזען טאַקע — מיר אַלע האָבן דאָך געזען טאַקע — ווי זעקס מיליאָן יצחקס זענען געלעגן אונטער מעסערס, אונטער העק, אין פייערן און אין גאַז־קאַמערן און זענען טאַקע געשאָכטן געוואָרן. דער מלאך פון גאָט האָט יאָ פאַרשפּעטיקט. — זעקס מיליאָן יצחקס געשאָכטענע קאָן איך נישט באַגרייפן. — איך קען אָבער באַגרייפן איין יצחק, וואָס וואַרט געשאָכטן צו ווערן און לעבט איבער דערביי די גרוילן פון זעקס מיליאָן געשאָכטענע, ווי ער אַליין וואָלט גע־שאָכטן געוואָרן זעקס מיליאָן מאָל. און אָט האָבן מיר געזען ווי אויך דאָס נייע ישראל האָט געשיקט בעסטע זין און טעכטער, בעסטע יצחקס און

רבקהס, אויפֿן נײַעם מזבח פֿון ייִדישער באַפֿרייאונג — אַ פּאָר שפּאַן פֿונעם אַלטן באַרג מוריה.

דער נסיון איז דאָ געגאַנגען ביזן סוף. די געשטעלטע צום נסיון האָבן אים אויסגעהאַלטן ביזן סוף. מיר בייגן די קעפּ פֿאַר זיי.

איז עס נישט גענוג עקדות? איך פֿרעג. — איז עס נישט גענוג? לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין און אין זיך אַליין נישט פֿירן זיך אַליין צו מזבחות. לאָמיר כאָטש צווישן זיך אַליין זײַן אַלע לעבעדיקע און ליבנדי־קע אברהמס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יצחקס און לעבעדיקע און ליבנדיקע יעקבֿס. דאָס איז מײַן תּפֿילה הײַנט, אָט דאָ אויף דער ערד פֿון ירושלים עטלעכע שפּאַן פֿון דעם באַרג מוריה. יאָ, דאָס איז הײַנט מײַן איינציקע תּפֿילה.

רעדע אויפֿן אידעאָלאָגישן כּינוס

אין ירושלים, 15־טער אויגוסט 1957

דער יידישער שרייבער
און דער יידישער לערער

דער יידישער שרייבער און דער יידישער לערער — מיט דער אונ־טערשטרייכונג: יידישער.

נישט צו אָפט זעען מיר זייער גורל אין פולער שותפותדיקייט, — אַזוי ווי מיר זעען יאָ אין פולער שותפותדיקייט די יידישע שול מיטן יידישן קינד. אָבער ווי מיר זאָלן נישט זען זייער גורל — איין זאַך איז קלאָר: דער שר פון יידישע מזלות נעמט זיי אַלעמען גלייך אַרום און שפרייט איבער זיי זיינע פליגל.

אמת, אונדזער ליטעראַטור און אונדזער קולטור בכלל האָבן אין זייער יסוד די אידייע פון אוניווערסאַלקייט. אין זייער פונאַנדערוויקלונג אָבער זענען זיי בלי־ספק געווען, און זענען אויך היינט, אונטערגעוואָרפן צו באַשטימטע, אָרטיקע, טראַדיציאָנעל איינגעפונדעוועטע כוחות פון אונדזער פאָלקס־לעבן, וואָס טראָגט אויף זיך און אין זיך דעם חותם פון דורותקייט.

דורותדיקייט איז דער קלימאַט און די לופט מיט וועלכע אונדזער קולטור אָטעמט. ווען די לופט פון דורותדיקייט ווערט שיטערער, ווען אונדזער היסטאָרישע געשטאַלט נעמט זיך טונקלען, באַווייזן זיך אין אונדז תיכף סימנים פון קריטישקייט. אַזוי — בנוגע אונדזער ליטעראַטור, אַזוי — בנוגע אונדזער שול־באַוועגונג.

אַז מיר טראַכטן וועגן די הויפּט־ישובים, וואו אונדזער ליטעראַטור און קולטור האָבן זיך אין משך פון דער מאָדערנער תקופה אי פונאַנדער־געוויקלט, אי אַנטוויקלט זיך אַן קריטישע שטערונגען, גיבן מיר די בכור־רה צוויי וועלט־טיילן: מזרח אייראָפּע, וואָס האָט אַריינגענומען רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע, און די אַמעריקעס. אין משך פון די פאַרגאַנגענע צען יאָר איז אויפגעקומען אין אונדזער געשיכטע דער גרויסער פאַקטאָר מדינת ישראל, וואָס האָט קאַרדינאַל רעוואָלוציאָניזירט אונדזער געמיט און אַקטיוו פונאַנדערגעשפּילט אונדזער קולטור־דראַמע אויף נייע ליניעס דורך נייע אַקטן.

מיר מעגן אָבער זאָגן אַז ווען מיר רעדן אין טערמינען פון אַ תקופה, וואָס נעמט אַריין די פאַרגאַנגענע פינף און צוואַנציק יאָר אַן ערך זעען מיר פאַר זיך די דאָמינירונג פון אַמעריקע. אין די אַלע יאָרן, און אפילו אַ סך פריער, האָבן סיי דער יידישער שרייבער, סיי דער יידישער לערער, סיי דער יידישער קולטור־בויער, נישט אויפגעהערט צו זיין פאַרכאַפּט פון אַן אויסטערלישער בענקשאַפט — איך וואָלט אפילו געזאָגט: תאווה — צו געבן וואָס מער שאַרפערן אויסדרוק זייער זעלבסטפילן־זיך צו געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר דער אייגענער באַשטימונג, פאַר דער אייגענער געשטאַלטונג; צו געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט און דאָס ריכטיקע בילד פאַר דער דראַמאַטישקייט, און אפשר אפילו טראַגישקייט, פון זייער באַרוף, פון זייער שעפערישן און לערערישן מהות; צו געפינען דאָס ריכטיקע וואָרט פאַר דער גורלדיקייט פון זייער שליחות. יאָ, לאָמיר נישט מורא האָבן צו זאָגן: שליחות.

אין דער באַטראַכטונג קאָן נישט מכריע זיין דער אָנגענומענער נוסח, אַז דעם יידישן לערער און דעם יידישן שרייבער איז זייער נישט גוט, ווייל זיי זענען דורכויס דורכגענומען מיט יאוש בנוגע די ווייטערדיקע יידיש־שעפערישע כוחות אין אַמעריקע. דער נוסח איז נישט קיין ריכטיקער. ער איז צו אויבנאויפיק. וואָרעם עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסערער אמונהדיקער עקשן ווי עס איז דער אמתער יידישער שרייבער, דער אמתער יידישער לערער, דער אמתער יידישער קולטור־פירער סיי אין אַמעריקע, סיי אין אַנדערע לענדער, סיי הײנט אין ישראל. איך שטרייך אונטער אַז איך רעד וועגן דעם אמתן יידישן שרייבער, ווי ער ווייזט זיך דורך זיין אייגענער אַנטפּלעקערישקייט, דורך דער פאַרעקשנטקייט מיט

וועלכער ער אַליין כאַראַקטעריזירט זיך: אויך דער לערער און דער שול־טוער ווייזן זיך אין נישט קיין קלענערער עקשנותדיקייט.

ווען נישט די עקשנותדיקייט — דאָס אמונהדיק־אַריינטאָן זיך אין די מיסטעריעזע כוחות, וואָס ליגן אין די טיפעניש̄ן פון אונדזער גאַנצער פאָלקס־קולטור, וואָלט קיינער פון אונדז — נישט דער פאָעט, נישט דער לערער, נישט דער טוער, נישט געקענט ווי אַ שעפערישער ייד לעבן אפי־לו איין טאָג. יעדערער פון אונדז וואָלט שוין פון לאַנג באַדאַרפט אויפגעבן זיין פאַרמעסט. אַ פאַרמעסט, וואָס איז — זע, אַ וואונדער! — אין די היינ־טיקע טעג אויף אַ האָר נישט קלענער ווי אין די טעג מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען אויף דער יידיש־גאַס אין אַמעריקע איז געווען היפּש פריילעך.

אין אמתן — איז עס דען טאַקע נישט וואונדערלעך? וואָרעם טוט נאָר אַ טראַכט: צי זעט ער דען נישט, דער יידישער שעפערישער מענטש, אַז אַלץ, סיי אין אַמעריקע, סיי אין גאָרער וועלט, איז קעגן אים? צי זעט ער דען נישט די גרויסע אַסימילאַציע־כוואַליעס וואָס שטורעמען אַרום אים און שלאָגן אים איבערן קאָפּ? צי זעט ער דען נישט ווי עס רייסן זיך צו אים די מערדערישע הענט פון טאָטאַליטאַרע פאַלשע אויסלייזער, וואָס האַלטן גרייט פאַר אים טורמעס און פיין־לאַגערן און כרת־דעקרעטן און שאַרפע מעסערס צו אַרויסשניידן אים זיין יידישע צונג? צי זעט ער עס דען נישט? צי זעען מיר עס נישט אַלע? — און פאַרוואָס זאָלן מיר רעדן באָר וועגן די סכנות און די שרעקן, וואָס עס וואַרפן אויף אונדז אָן אָפענע כרת־דעקרעטן פון אָפענע רשעותדיקע פאַרטיליקער? צי ווירקן דען נישט אויף אונדז מיט דער זעלבער פיינלעכקייט — און אַמאָל נאָך אפשר שאַר־פער — די נישט־אָפענע, די סימבאָלישע כרת־דעקרעטן, וואָס קומען פון אונדזער אייגענער סביבה,? — צי ליידט דען נישט אונדזער טיפע סענ־סיטיווקייט פון קלעפּ וואָס מיר קריגן דורך זיך אַליין? קלעפּ, וואָס ווען מיר זאָלן זיך לאָזן באַווירקט ווערן פון זיי, וואָלטן מיר באַדאַרפט אונטער־גיין אין איין רגע.

און סענסיטיוו זענען מיר. און מיר מוזן עס זיין, כדי צו זיין נאָכאַ־נאַנד, נאָכאַנאַנד אויף דער וואַך.

יאָ, מיר מוזן שטענדיק זיין אויף דער וואַך! און ס'איז גוט וואָס מיר האַלטן אין איין אויפציטערן אין אונדזער וואַכיקייט.

לאָמיר נעמען, למשל, אפילו אַזאַ געשעעניש, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אָט נישט לאַנג, — אַ געשעעניש, אין וועלכער אַ סך פון אונדז האָבן זיך אַליין באַטייליקט, און איך — גאָר באַזונדער. איך האָב אין זינען די פייערונג פון צען יאָר ישראל אין פּאָלאָ גראַונד און די נעבעכדיקפּאַרטונקלטע, כמעט פאַרשעמטע, ראָלע וואָס אונדזער יידיש און אונדזער גאַנצער יידישער קולטור־נוסח האָבן געשפּילט אין דעם. און וואָס עפּעס נאָר יידיש? אויך העברעיש איז געווען נישט ווייניקער פאַרשעמט און נעבעכדיק אין דער דאָזיקער געשעעניש. און וואָס פאַר אַ ראָלע האָבן זיי באַדאַרפט שפּילן? דאָס פאָלק, אין אַ אָנזאַמלונג ביז כמעט פופציק טויזנט יידן האָט אויסגעקוקט נאָך אַ וואַרעם, יום־טובדיק, יידיש וואָרט, וואָס זאָל פאָלקיש מיטרייסן; דערהייבן, באַגייסטערן; און וואָס האָט זיך אין רעזולטאַט באַקומען? — אַ יריד. און אין דעם יריד בין איך, אייער קנעכט, אַ באַטייליקטער אין דער פּראָגראַם, געווען כמעט ווי איינער וואָס איז געגאַנגען אויף דראָט. געגאַנגען איינגעבעטענערהייט. איך האָב געקענט אַראָפּפאַלן און ברעכן האַלדז און נאַקן. ווייל די מערסטע פון די איינאָרדנער פונעם יריד, — יידן פאַרשטייט זיך! — האָבן דאָס יידישע וואָרט נישט באַדאַרפט און נישט געבענקט נאָך דעם! אויך דאָס העברעישע וואָרט האָבן זיי נישט באַדאַרפט! דעריבער געלאָזט זיי אויפן סאַמע סוף. קאָן עמעצער פאָרשטעלן זיך אַ גרעסערן אומזין: אויף אַ יום־טוב לכבוד דעם אויפקום פון מדינת ישראל, לכבוד דער אויפריכטונג פון יידן ווי אַ פאָלק, זאָלן סיי העברעיש, סיי יידיש זיין איבעריק און אומנויטיק? און אין אָנגעזיכט פון ווֶעמען? — אין אָנגעזיכט פון אַ פופציק טויזנט־קעפּיקער פאָלקס־מחנה, וואָס שטייט מיט אַן אָפּן האַרץ און וואַרט אויף אַן אינטים יידיש וואָרט!

ערשט איצט, דאָ, שטייענדיק פאַר אייך, פיל איך מיך אַז איך בין אויפן ריכטיקן אָרט. אין אַ באַשיידענעם, אָבער היימישן קלימאַט. איך דאַרף נישט גיין אויף אַ דראָט וואָס איז אָנגעצויגן דורך אַזעלכע יידן, פאַר וועמען יידיש (און אפילו העברעיש) איז אַ בזיון און טרייבט זיי אַריין אין אַ שפּלות־קאָמפּלעקס.

און גיט נאָר אַ טראַכט: ווער וואָלטן אין תוך באַדאַרפט זיין די אמתע מחותנים אויף אַ פאָלקס־פייערונג לכבוד ישראל, אויב אונדזער נאַציאָנאַל לעבן וואָלט געגאַנגען אויף אַ ריכטיקן פאָלקס־דרך, אָן פאַרקריי־

מונגען און אָן אינערלעכע פֿאַרלייקענונגען און שלילות? די אמתע מחר־תנים וואָלטן דאָך באַדאַרפֿט זיין די טרעגער פֿון יידישער שעפֿערישקייט, די יידישע שולן און די יידישע קינדער פֿון די שולן. און ווער האָט גע־בראַכט דעם פּופּציק טויזנט קעפּיקן עולם? די יידישע פּרעסע. די שרייבער אין דער יידישער פּרעסע. דאָס יידישע וואָרט. אָבער זיי זענען נישט גע־ווען די הויפּט־מחותנים!

בין איך, הייסט עס, געגאַנגען אויף דער שטריק, ווייל — דער אָרע־מער כבוד פֿון יידיש האָט עס פֿאַרלאַנגט. פֿאַרלאַנגט נישט איגנאָרירט צו ווערן. פֿאַרלאַנגט און — אויסגעפּירט. ווייס אָבער עמעצער וויפֿל שפּיכת־דמים עס ליגט אין דעם? און גיט זיך עמעצער אָפּ אַ חשבון וויפֿל אויף דער צווייטער זייט פֿון שפּיכות דמים — עס ליגט אין דעם עקשנות פֿון געראַנגל

יאָ אין תוך געהערט עס אויך צו יענעם טראַגישן גורל אונטער נישט־געזעענע סימבאָלישע כרת־דעקרעטן, וועגן וועלכע כ׳האָב גערעדט פֿרי־ער. עס געהערט אָבער אויך צו יענער אויסדערווילטער טראַגישקייט אונדזערער וואָס איך רוף זי אָן: די הערלעכע; אונדזער הערלעכע דאַן־קיכאָטישקייט, וואָס מיר וועלן זי פֿאַר קיין שום פּרייז נישט אויפֿגעבן. מיר גייען אונדזער דאָן־קיכאָט־וועג, אפֿילו ווען טויזנטער שטרויכל־שטיינער ליגן אונדז אונטער די פֿיס אין אונדזער אויסדוכטעניש אַז מיר גייען טאַ־קע צו דער געחלומטער דולציניע.

און אין אמתן — צי איז אַ יידישער לערער, צי אַ יידישער פּאָעט נישט קיין דאָן־קיכאָט? און אפֿילו דאָס יידישע קינד, וואָס גייט אין אַ יידישער שול, צי איז עס נישט צומאָל אין דער בחינה פֿון אַ הערלעכן דאָן־קיכאָט? — אָבער טויזנט געזאַנגען זאָלן מיר זינגען צו אָט דער דאָן־קיכאָטישקייט אונדזערער!

פֿאַרוואָס זינגען? — דערפֿאַר ווייל מיר זעען אַז קיינער פֿון די יי־דישע וואָרט־שעפֿער און וואָרט־לערנער — וואָרט, אין שענסטן לויטער־סטן באַטייט — גיט נישט אויף זיין גלויביקע ריטערלעכקייט. פֿאַרקערט, מיר פֿאַנצערן זי אָן מיט וויזיאָנערישע חלומות אַפֿילו אין מאָמענטן פֿון פֿאַרביטערונג און פֿאַרצווייפֿלונג. דער אַרום שטעלט אונדז אונטער אַלע ווילדע נייע משונהדיקע, שרעקנדיקע ווינטמילן, — הערן מיר נישט אויף, אויף קיין איין רגע, מיט די ווינטמילן צו שלאָגן זיך.

אַמאָל טוט אונדז דער אַרום אָפּ נאָך אַ גרעסער שפּיצל: ער נעמט צו פון פאַר אונדזערע אויגן אפילו די ווינטמילן און לאָזט אונדז איבער שטיין אין אַ ליידיקער וועלט. אָט, אַ שטייגער, נעמט אַן אייגענע אַרבע־טער־פּירערשאַפט און מאַכט צו אַן אייגענעם יידיש־זשורנאַל ווי „די גע־רעכטיקייט". וואָס פאַר אַ תירוצים עס זאָלן נישט אָנגעגעבן ווערן דערויף, קאָנען די תירוצים נישט אָגנענומען ווערן. דער פאַקט מוז אויפגענומען ווערן נישט אַנדערש ווי אַן אַקט פון קולטור־ליקווידאַציע, און מיט נישט ווייניקער צער ווי ווען, למשל, עס מאַכט זיך צו אַ יידישע שול. אָבער אויך אַזוינע אַקטן וועלן נישט אָפּשרעקן דעם שעפערישן יידישן מענטשן. מער נישט, וואָס דערביי הייבט זיך אָן אַרויסזען דער חילוק צווישן דעם יידישן לערער און דעם יידישן שרייבער. דער שרייבער, דערהויפּט דער דיכטער, ווען ער כאַפּט אַ קלאַפּ, גייט ער אַוועק צו זיינע פיר ווינקלען, צו זיין אָפּגעזונדערטער שטילקייט (עס איז די פּריווילעגיע פונעם דיכטער צו מאַכן שטילקייט פון פיר ווינקלען פאַר אַן עיר־מקלט פאַר זיך), און דאָרטן ציט ער אונטער אַ חשבון פון אַלע זיינע ווינטמיל־קאַמפן. דער חשבון, הגם אָפט אַ טראַגיש־דראַמאַטישער, פול מיט גורל־באַוווסטזיין, איז אין זיין סך־הכל נישט נאָר נישט קיין אָפּצייכן פון לעצטקייט, נאָר אַ סך מאָל אַן אויפלויכטונג פון אַ נייעם אָנהייב־חשבון, פול מיט אַן אַנט־פּלעקנדיקער זעאונג פון נצחון. זעאונג פון אַן אָנקומענדיקן ריינעם מענטשן אויף דער וועלט. ריין און אָפּגערייניקט פון אַלע טאָטאַליטאַרע בלוטי־קייטן, פון אַלע גאַנצע און האַלבע שקרס פון וואָרט, מיט וועלכע די רוצ־חישע פאַלשע אויסלייזערס האָבן פאַרשונדעוועט און פאַרשענדעוועט די וועלט.

נישט איינמאָל איז שוין אונדז אויסגעקומען צו זאָגן, און מיר זאָגן עס איבער ווידער, אַז די זעאונג פון אַן אָנקומענדיקן ריינעם און ערלעכן מענטשן אויף דער וועלט איז די שטאַרקונג פון דעם יידישן שעפער או־מעטום און אין אַמעריקע, נישט געקוקט וואָס די רעאַליטעט פון זיין לעבן דערהויפּט אין שייכות מיט דעם מצב פון זיין לשון, איז פול ווי שוין דער־מאָנט מיט טראַגיק. אַ טראַגיק פון וועלכער עס ווייסן נישט די שרייבער און די דיכטער פון אַנדערע פעלקער. אויב זיי ווייסן יאָ, איז עס זיכער נישט אין אַזאַ מאָס און נישט אין אַזאַ פאָרנעם ווי עס ווייסן דערפון דער יידישער דיכטער. די טראַגיק פון איבעריקע זאָרגן און איבעריקע ציטער־נישן. דער וואָס איז אינטים באַקאַנט, למשל, מיט דער יידישער פּאָעזיע

— דער ווייס מיט וואָס פאַר אַ אומגעוויינלעכע צערטלעכקייטן דער יידי־שער שרייבער באַציט זיך צו זיין שפּראַך אינסטרומענט — צו יידיש ווי אַ לשון. צערטלעכקייטן וואָס גייען איבער נישט איינמאָל אין פּחד, אין אמתער פּאַניק. יעדעס מאָל ווען איך טראַכט וועגן אונדזער שרייבערישן גורל מוז איך עס איבערחזרן: פּחד פון אַ פאָטער און מוטער וועגן זייערס אַ קינד, וואָס דאַרף דורכגיין סכנהדיקע גאַסן. קוים וואָס זיי דערוואַרטן זיך אַז דאָס קינד זאָל קומען אַ היים נישט געשעדיקט. דעם סאָרט זאָרג און שרעק־אויפטרייסלונג לעבט איבער דער יידישער שרייבער בנוגע זיין וואָרט, בנוגע זיין ליד.

יאָ, אין אַזאַ מין פאַרצערטלטער און פיבערדיקער איינזאַמקייט קאָן דער יידישער דיכטער געפינען אַמאָל זיין אַנטרינונג, ווען ער דערפילט די קעגנערישקייט פון דעם אַרום. ער פאַרשליסט זיך אין זיינע ד׳ אמות, און אויב ער איז נישט קיין פאַרביטערטער געפינט ער טרייסט אין זיין שעפערישער אַליינקייט.

אָבער דער יידישער לערער? — ער קאָן נישט אַנטרינען צו זיך אַ־ליין. אָן אַ ריכטיקער שול, אָן דער געהעריקער צאָל תלמידים, אָן אַ גייס־טיקער וואַרעמקייט אַרום אים קאָן ער נישט אָטעמען. איז זיין גורל, אין אַ געוויסן זין, אַ סך קאָמפּליצירטער און טראַגישער נאָך פון דעם דיכטערס גורל. ער, דער לערער, מוז האָבן די אַקטיווע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט. ער מוז פילן דעם אָטעם פון אַ יונגן לעבעדיקן דור. איך דאַרף זאָגן אַז אונדזער ליטעראַטור האָט געזינדיקט קעגן דעם יידישן לערער וואָס זי האָט נאָך ביז איצט נישט געגעבן די גרויסע שילדערונג פון זיין דראַמע אין אַ־מעריקע, די הערויִק זיינע. וואָרעם די הערויִק איז דאָ וואו דער אַרום איז אָנגעפילט מיט שטערונגען, מיט קעגנערשאַפט, מיט גלייכגילט וואָס איז אַמאָל ערגער פון קעגנערשאַפט.

דער יידישער לערער קאָן האָבן די טרייסט וואָס אין זיין סך־הכל־דיקן גורל איז ער גלייך אויף גלייך מיט דעם יידישן שרייבער; אַז די גאַנצע סדרה יידיש לשון, יידישע שול, די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער מאָדערנעם יידיש זינט דעם אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, די גאַנצע סדרה יידישע ליטעראַטור, מעג מען אויך אַריינרעכענען די יידישע פּרעסע, — אין איין עפּאָפּיי פון אַ גרויסער הערויִק.

טראַכט זיך נאָר אַריין: קיין וואָרט־שאַפער און וואָרט־טרעגער אין

קיין שום שפּראַך לעבט נישט איבער אַזויפיל אומרו וועגן דעם גורל פון וואָרט בכלל און פון זיין וואָרט בפרט, ווי ס'האָט איבערגעלעבט, און לעבט איבער אויך היינט, דער טרעגער פון יידישן וואָרט. זיין אומרו, האָב איך אַמאָל שוין געזאָגט, קאָן פאַרגליכן ווערן צו דעם אומרו פון אַ פידלער, וואָס לעבט אין נאָכאַנאַנדיקער מורא טאָמער, חלילה, וועט עמעצער צערייסן די סטרונעס פון זיין פידל און די פידל אַליין צעברעכן. דער וואָס קען פאַרשטיין דעם צער פון אַ פידלער, ווען ס'פאַלט אַרונטער אונטער גלייכגילטיקע פיס, און על אחת כמה וכמה ווען זיין פידל ווערט רשעותדיק אַרויסגעריסן פון זיינע הענט און ווערט תליוניש צעטרעטן, — דער וואָס קען עס פאַרשטיין וועט טיף דערפילן דעם צער פון אַ דיכטער, פאַר וועמען וואָרט איז נישט נאָר אינסטרומענט, נאָר דער ניגון גופא. און אויך אַזוי דעם צער פון אַ לערער, וואָס דאַרף זיין יידיש וואָרט אַריינקנעטן אין דער טיף פון אַ יונג יידיש האַרץ; זייערביידנס צער אין דער שטרויכלונג־דראַמע, וואָס שפּילט זיך אָפּ היינט אויף דער אַרענע פון דער וועלט בנוגע יידיש לשון. וואָס שייך דער סאָוועטישער אַרענע בנוגע יידיש לשון — אַן אַרענע, וואָס איז פאַרלייגט מיט קערפּערס פון דערמאָרדעטע יידישע דיכטער, שוישפּילער, לערער און קינסטלער — איז דאָך שוין אַפילו גאָר נישטאָ קיין ווערטער מיט וועלכע צו שילדערן דעם דאָזיקן קאָשמאַר.

איז אָבער די דראַמע פון יידישן וואָרט אַ דראַמע נאָר פון היינט?

— ניין, נישט נאָר פון היינט. מיט דריי און מער צענדלינג יאָר צוריק האָבן שוין כמעט אַלע יידישע דיכטער געזונגען וועגן דעם עלנד פון זייער ליד. אמת, פּאָעטן בכלל, אומעטום און אַלעמאָל, טראָגן אין זיך, צוזאַמען מיט דער פרייד פון זייער שאַפן, אויך דעם צער פון זייער שאַפן, דעם עלנד פון זייער וואָרט. די עלנד־איבערלעבונג אָבער פונעם יידישן שרייבער, פונעם יידישן פּאָעט איז געטאָפּלט, געדרייפאַכט, געצענפאַכט. אָבער יעדער יידישער פּאָעט האָט געזונגען וועגן דעם עלנד פון זיין וואָרט, פון זיין ליד. יאָ — געזונגען. איך שטרייך אונטער: געזונגען. און אין דעם איז דער וואונדער, אין דעם — די העראָאיק.

ס'איז די גרויסע מגילה פון שעפערישקייט און פון לערערישער עקשנות. טוט נאָר אַ כאַפּ מיטן אויג און דערזעט פאַר זיך די אָפּגעגאַנגענע פופציק יאָר און דערזעט דערביי דעם וואונדער וואָס יידיש ווי אַ לשון, ווי אַ ליטעראַטור, ווי אַ דערציאונגס־כוח האָט דורכגעמאַכט, וועט

איר בלייבן שטיין געפלעפט. און זען זאָלט איר, און מיר אַלע, דאָס גאַנצע, ווי מען זעט אַ געשלאָסענע גאָלדענע קייט, און נישט ווי מען זעט פונאַנדערגעטיילטע רינגען.

ס'איז דאָס זעלבע ווי מיט דעם פּערזענלעכן גורל. אויך דעם פּער־זענלעכן גורל דאַרף אַ מענטש זען אין המשכדיקער גאַנצקייט. פאַרלירט ער אָט די זעאונג — פאַלט ער אַריין אין אַ מהומה, אין צעריסנקייט, אין טעותדיקער אָפּשאַצונג פון זיין מהות.

זאָל מיר דערלויבט זיין דערביי אָנצושלאָגן מיינעם אַ פּערזענלעכן טאָן. אַ נאָטע וועגן זיך אַליין. אַן אַנדערש מאָל, רעכענענדיק זיך מיט דער מידה פון באַשיידנקייט, וואָלט איך עס נישט געטאָן. אָבער אַזוי ווי דאָס פּערזענלעכע, וואָס איך וויל אָנרירן, גייט דאָס מאָל צוזאַמען מיט אונדזער כלל־לעבן, טראַכט איך אַז איך מעג זיך נעמען דאָס רעכט צו טאָן עס. איך בין, לעצטנס, ווייסט איר, באַשאָנקען געוואָרן מיט אַן ערן־דאָקטאָראַט פון דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ כבוד צוגעטיילט פון „היברו יוניאָן־קאָלעדזש — אינסטיטוט פאַר ייִדישער רעליגיע". אָט ליגט פאַר מיר אַ באַגריסונג פון דער אַרבעטער ־רינג שול־קאָנווענשן, וואָס איז פאָרגעקומען נישט לאַנג אין פילאַדעלפיע און אין וועלכער אַ סך פון אייך האָבן זיך געוויס באַטייליקט. די באַגריסונג באַטאָנט אַז דער געשעענער פאַקט איז אַ כבוד פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ דערגרייכונג. אַ דער־גרייכונג דערהויפּט אין אונדזערע ייִדישע אַמעריקאַנער קולטור־צושטאַנדן.
— איך האָב אין שייכות דערמיט דערהאַלטן, אגב, אַ סך באַגריסונגען, פאַר וועלכע איך בין טיף דאַנקבאַר. — אַלע באַטאָנען דעם מאָטיוו פון ייִדיש־דערגרייכונג. און ס'איז אַוודאי ריכטיק אַז עס קומט אָנערקענונג דעם היברו יוניאָן קאָלעדזש. מיר האָבן אַלע אויפגענומען מיט צופרידנ־קייט און געהעריקער אָפּשאַצונג דעם פאַקט וואָס אַ בכבודיקער שיכט פון אונדזער פאָלק אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך געהאַלטן ווייט און פרעמד פון ייִדיש און פון דער ייִדישער ליטעראַטור, — גראָד ער האָט געפונען פאַר נויטיק עפנטלעך און פייערלעך צו ערן אַ ייִדישן דיכטער און אונ־טערשטרייכן דעם גרויסן ווערט און דערגרייכונגען פון דער ייִדישער לי־טעראַטור.

די חשובע פירער פון היברו יוניאָן קאָלעדזש וועלן אויף מיר גע־וויס נישט פאַראיבל האָבן ווען איך וועל דערציילן, אַז בשעת איך האָב אויפגענומען און דורכגעלעבט די פייערלעכקייט פון כבוד־צוטיילונג, האָב

איך אויך דורכגעלעבט אַ מאָדנע קנאה, און אַ קול אין מיר האָט געטע־נהט: זע נאָר, מיט אַלע דיינע קולטור און ליטעראַטור אויפטועז אין אַמעריקע האָסטו נישט געקענט אויספירן און דערגרייכן אַז אַ יידיש־קאַ־לעדזש זאָל אויפקומען מיט אַ כוח, מיט אַ סטאַזש און מיט אַן אַנזען פון אַ היברו יוניאָן קאָלעדזש צו אויסטיילן דאָקטאָראַטן צו די וואָס פאַרדינען עס; האָסטו נישט געקענט אויספירן אַז דיין אייגענער יידישער לערער־סעמינאַר זאָל דערגרייכן אַזאַ קאָלעדזש־אַנזען און סטאַטוס; אַז דיין אייגע־נער ייוואָ זאָל דערהויבן ווערן צו אַזאַ סטאַזש פון אַן אוניווערסיטעט צו קאָנען ערן די וואָס דאַרפן געערט ווערן און זיין באַערונג זאָל אויפ־גענומען ווערן מיט פייערלעכער אונטערשטרייכונג. זע נאָר — וואו זיי־נען געוועזן די, וואָס האָבן באַדאַרפט צוטראָגן אַזאַ פאַרנעם, אַזאַ גרויסע השגה, אַזאַ מאַטעריעלע ברייטקייט צו אַלע אונדזערע יידיש־אינסטאַנצן און האָבן עס נישט צוגעטראָגן? פאַרוואָס האָבן זיי עס נישט געטאָן? פאַר־וואָס האָבן זיי עס פאַרשלאָפן און באַנוגנט זיך נאָר מיט קליינע, קליינע השגות? פאַרוואָס האָבן זיי עס נישט געטאָן און טוען עס אויך היינט נישט? פאַרוואָס מאַטערן זיך אויך היינט אַלע אונדזערע יידיש־אינסטיטוציעס אין נויט און אין קלעם און אין אייגענעם טרויער־באַוואוסטזיין?

און נאָך עפּעס האָב איך דורכגעלעבט ביי דער פייערונג־צערעמאָניע: עפּעס באמת גורלדיקס: די באַערטע האָבן באַדאַרפט דערביי אָנטון אַ ספּעציעלן בגד — אַ בלויע מאַנטיע אַזאַ, אַ לאַנגע ביזן טראָט, און אַ ספּעציעלן הוט. סימבאָלן פון אַקאַדעמישער אויסצייכענונג. ווען איך האָב אָנגעטון דעם לאַנגן מלבוש אויף זיך, האָט מיר אַ זעץ געטון אין האַרץ אַ דערמאָנונג אַז אַקוראַט מיט פופציק יאָר צוריק, אין 1908, אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט מען מיר אויך אָנגעטון אַן אויסטערלישן לאַנגן מלבוש און אַן אויסטערלישן הוט, — דאָס איז געווען דער קאַטאָרגע־כאַלאַט. סימבאָליש געזען, איז עס אויך געווען אַן ערן־מלבוש, — אַן ערן־צייכן פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. צום כאַלאַט האָבן נאָך צוגעקלונגען אַ פּאָר קייטן אויף די פיס. (דאָ זיצט אונדזער פריינד כאַניןָ. ער איז אויך אַן עדות. ער האָט אויך געהאַט דעם כבוד צו טראָגן דעמאָלט דעם קאַטאָרזשנעם ערן־כאַלאַט).

יאָ, צווישן דעם רוסישן גרויען טורמע־כאַלאַט און דעם בלויען דאָק־טאָראַט־מלבוש אין ניו־יאָרק אין אַ יידישער פייערונג, איז אַ היפּשער מהלך. אַ תקופה פון אַ האַלבן יאָר־הונדערט. גיט נאָר אַ טראַכט וואָס עס

האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער וועלט און אין דעם לעבן פון אונדזער פאָלק אין משך פון די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר. פופציק יאָר — אַ יובל־דאַטע. וואָס פאַר אַ אויסטערלישער יובל! וואָס פאַר אַ סוגעסטיווער צונויפטרעף פון די גורלדיקע צייט־אָפּשניטן!

אַזאַ־אָ דערמאָנונג האָט מיך דורכגענומען.

ווען איך בין דערנאָך געקומען אַהיים און געבליבן מיט זיך אין דער נאַכט־שטילקייט, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין עפּעס, וואָס האָט מיך גאָר באַזונדער כמעט ווי געפּלעפט: זע, האָב איך געזאָגט צו זיך, יידיש און די יידישע ליטעראַטור גייען אַריין אין די הויכע פענצטער. דו פרייסט זיך מיט דעם. און מיט רעכט. אָבער צי עגבערט נישט אין דיין האַרץ אַ מורא אַז יידיש פאַלט אין דער זעלביקער צייט אַרויס פון די נידעריקע פענצטער, פון די אונטערשטע פאָלקס־פענצטער? זע נאָר, יידיש און די יידישע ליטעראַטור קאָנען ווערן שיינע, טייערע גאָלדן־בראָשקעס צו פוצן זיך מיט זיי; דיין נאָמען קאָן ווערן אויפגעשריבן אויף אַן ערן־פּאַרמעט און איינגעראַמט, אָבער דיינע ווערק גופא — זיי קאָנען בלייבן וואַלגערן זיך אין פינצטערע קעלערס, אין פייכטע בייסמענטס. אַזוי דיינע ווערק, אַזוי די ווערק פון אַלע דיינע קאָלעגן, אַזוי דיין לשון, אַזוי אַלע דיינע אָנגעפּילטע שראַנקען מיט ביכער און ספרים, וואָס רינגלען דיך איצט אַרום אין דיינע צימערן.

איז וואָס קאָן היינט זיין מיין טיפער פאַרלאַנג און וואָס קאָן היינט זיין מיין ווענדונג צו אייך? פּשוט, פּשוט: אוודאי, נעמט זיך איבער מיט דעם וואָס יידיש און יידישע ליטעראַטור גייען אַריין אין די הויכע פענצטער, — אָבער שטייט אויף דער וואַך, טוט אַלץ, אַלץ אַז יידיש זאָל לעבן אין די אונטערשטע פענצטער, אַז יידיש זאָל לויכטן אין אונדזערע אייגענע שויבן וואָרעם יידיש מיינט נישט נאָר ליטעראַטור יידיש מיינט מער ווי אַלץ לעבעדיק פאָלק.

רעדע אויף דער ארבעטער־רינג
קאנפערענץ, מאנטרעאל, מאי, 1958

ווּיכטיקע דאַטעס אין לעבן פון ה. לייוויק

1888 — דעם 9טן דעצעמבער, איז ה. לייוויק (פּסעוודאָנים פון לייווּיק האַלפּערן), געבוירן געוואָרן אין איהומען, באַצירק־שטאָט אין מינסקער גובערניע אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, ביי אָרעמע עלטערן. זיין פאָטער האָט געהייסן שאול האַלפּערן. ער האָט געשטאַמט פון גרויס־רבנישן יחוס, נאָר פאַר ביטערער חיונה האָט ער געמוזט לערנען מיט שניידער־מיידלעך אַ ביסל עברי און שרייבן אַ יידיש בריוול לויטן בריוונשטעלער. זיין מאַמע האָט געהייסן אסתר רבקה. כדי אַרויסצוהעלפן מפרנס צו זיין אַ הויז־געזינד פון 9 קינדער, פון וועלכע לייוויק איז געווען דער עלטסטער, פלעגט זי אויפשטיין פאַרטאָג און זיך אַוועקשטעלן באַקן ברויט און בייגל, וואָס זי פלעגט פאַרקויפן אין אַ ביידל אויפן מאַרק.

1893 — צו פינף יאָר, גיט מען אָפּ לייוויקן אין חדר.

1898 — צו צען יאָר פירט מען אָפּ לייוויקן קיין בערעזין, אַ נאָענט שטעטל, און מען גיט אים אַריין אין דער דאָרטיקער ישיבה, וואו ער דאַרף קריגן סמיכה אויף רבנות.

1903 — צו פופצן יאָר, פאַרלאָזט לייוויק די ישיבה, וואו ער האָט זיך שוין אָנגעשעפּט, בסוד, מיט משכילישער ליטעראַטור סיי אויף העברעיש סיי אויף יידיש און רוסיש, און ער ווערט אַ לערער אין אַ דאָרף ביי אַ ישובניק, נישט ווייט פון זיין געבורט־שטאָט.

1906 — צו אַכצן יאָר, ווערט לייוויק אַרעסטירט, און געשלאָגן מכות רצח פון דער צאַרישער פּאָליציי פאַר באַטייליקן זיך אין אַ פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע. נאָכן אָפּזיצן אַ וואָך אין תפיסה באַפרייט מען אים ווייל ער איז נאָך אַ מינדעריעריקער. אָבער אין דעם זעלביקן יאָר ווערט ער אויפסניי אַרעסטירט, ווייל מען געפינט ביי אים אומלעגאַלע סאָציאַליסטישבונדישע ליטעראַטור. לייוויק זיצט אָפּ איבער צוויי יאָר אין איהומענער און מינסקער תפיסות וואַרטנדיק אויף אַן אורטייל.

1908 — צו צוואַנציק יאָר, זיצנדיק אין מינסקער תפיסה שאַפט לייוויק זיינע ערשטע צוויי דראַמאַטישע פּאָעמעס אין יידיש; די דראַמאַטישע פּאָעמע „די קייטן פון משיח" און די לירישע פּאָעמע „אַ נשמה אין גיהנום". אָבער נאָך פאַר די דאָזיקע שאַפונגען, אין דעם עלטער פון אַ בר־

מצווה־ייִנגל, האָט שוין לייוויק געהאַט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל לידער אין העברעיִש. אין דעם זעלביקן יאָר, אין 1908, קומט פאָר דער משפּט, ביי וועלכן לייוויק טרעט אויף מיט מוט און ווירדע און ער ווערט פאַראורטיילט צו פיר יאָר תּפיסה און לעבנסלאַנגער פאַרשיקונג.

1912 — אין עלטער פון פיר און צוואַנציק יאָר, אָפּזיצנדיק פיר יאָר צייט אין תּפיסות ווערט לייוויק איבערגעשיקט פון תּפיסה קיין סיביר.

1913 — אין עלטער פון פינף און צוואַנציק יאָר, נאָך שווערער מי און מאַטער געלינגט לייוויקן אַרויסצוראַטעווען זיך פון סיביר און אָנקומען קיין אַמעריקע, וואו ער טרעפט זיך אָן, ווי יעדער אימיגראַנט, מיט נייע אַנדערשדיקע, שווערע מאַטעריעלע און גייסטיקע פּראָבלעמען, נאָר זיין גרויסער דיכטערישער טאַלאַנט קומט ערשט דאָ צום פולן שעפערישן אויסדרוק.

1916 — אין עלטער פון אַכט און צוואַנציק יאָר, האָט לייוויק חתונה געהאַט מיט שרה סולטאַן, מיט וועלכער ער האָט זיך באַקענט אין אַמעריקע, און זי האָט אים שפּעטער געבוירן צוויי זין, דניאל און שמואל.

1918 — אין עלטער פון דרייסיק יאָר, דערשיינט אין ניו־יאָרק ה. לייוויקס ערשט בוך לידער „הינטערן שלאָס", וואָס באַשטייט פון אַ זאַמלונג לויז פאַרבונדענע לידער אין וועלכע לייוויק שילדערט אויף אַן אייגנאַרטיק־פּאָעטישן אופן זיינע דערפאַרונגען און שטימונגען דורך דער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין סיביר. דאָס בוך לידער האָט באַלד אַרויסגערופן אַ סך ליבע און ענטוזיאַזם הן מצד דער קריטיק הן מצד דעם בעסערן לייענער פון פּאָעזיע.

1921 — אין עלטער פון דריי און דרייסיק יאָר, דערשיינט אַחוץ אַ צאָל נייע לידער, לייוויקס פּאָעטישע דראַמע „דער גולם", וואָס האָט נאָך מער ווי פריער באַפעסטיקט לייוויקס מזרח־אָרט אין דער יידישער פּאָעזיע ווי אויך אין דער דראַמאַטישער פאָרם. די דראַמע איז איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיִש און אויף ענגליש און איז אויפגעפירט געוואָרן מיט גרויס דערפאָלג פון דער „הבימה" אין מאָסקווע, און שפּעטער אין ארץ־ישׂראל, אין אַנדערע לענדער און טעאַטערלעך, אויך אין ניו־יאָרק.

1926 — אין עלטער פון אַכט און דרייסיק יאָר, נאָך איידער די סאָוויעטישע מאַכט האָט אינגאַנצן אָפּגעדעקט איר ברוטאַלע גיריקייט

און איר אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־יידישן פּראָגראַם, האָט לייוויק באַזוכט סאָוויעט־רוסלאַנד, וואו ער האָט אויפסניי באַטראַכט די ערד פון זיין גע־בורט־שטעטל איהומען, און אויף דער טעמע געשאַפן אַ צאָל לירישע, ריירנדיקע לידער.

1936 — אין עלטער פון אַכט און פערציק יאָר, האָט ה. לייוויק פּאַר־טראַטן דעם יידישן פּ. ע. נ.־קלוב ביים אינטערנאַציאָנאַלן פּ. ע, נ,־קאָנ־גרעס, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בוענאָס איירעס. ביי אַ זיצונג אויף דעם קאָנגרעס, וואו דער פאָרזיצער איז געוועזן זשיל ראָמען, איז לײ־וויק אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפער פּראָטעסט־רעדע קעגן די קאַניבאַלי־שע גרויל־טאָטן פון דעם נאַציזם, ווי אויך קעגן דער פּאַסיוויטעט פון אַ גרויסער צאָל וועלט־שרייבער, וואָס האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון אַלץ וואָס דער נאַציזם האָט אָפּגעטאָן אונטער זייערע אויגן.

1957 — אין עלטער פון ניין און זעכציק יאָר, האָט לייוויק באַזוכט מדינת ישראל וואוהין ער איז איינגעלאַדן געוואָרן פון דער ישראל־רעגי־רונג צום „כינוס עיוני”, (אידעאָלאָגישן קאָנגרעס). לייוויק האָט ביי דעם קאָנגרעס געהאַלטן אַן איינדרוקספולן רעפעראַט, און איז אין פאַרלויף פון זיין באַזוך אין ישראל ענטוזיאַזטיש אויפגענומען געוואָרן פון בן־גוריון, בן־צבי און אַ צאָל אַנדערע וויכטיקע רעגירונגס־ און קולטור־פּערזענלעכקייטן און אָרגאַניזאַציעס. דאָס איז געוועזן לייוויקס דריטער מאָל עולה רגל זיין קיין ישראל און ארץ ישראל.

1958 — צום זיבעציקסטן געבוירנטאָג פון ה. לייוויק, האָט ער גע־האָט באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט 9 ביכער פּאָעזיע, 21 פּאָע־טישע דראַמעס, און מיט אַ רייזע־בוך ביי אונדזער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, ווען ער האָט באַזוכט די לאַגערן באַלד נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אין דעם זעלבן יאָר איז לייוויק שווער קראַנק געוואָרן. אַ פּאַראַ־ליזש האָט אים צוגעשמידט צום בעט.

שפּעטער זענען אויך דערשינען זיינע זכרונות „אויף צאַרישער קאַ־טאָרגע” און אַ באַנד „לידער צום אייביקן”.

ה. לייוויק איז געשטאָרבן דעם 23טן דעצעמבער, 1962 צום דריטן חנוכה־ליכטל, דעם טאָג ווען ער האָט פאַרענדיקט 74 יאָר.

א. ג.

אינהאלט

מ. וו. — צום אָנדענק פון ה. לייוויק — — — — — 5
מענדל מאַן — ה. לייוויק — — — — — — — 7
ל. דאָמאַנקעוויטש — די איינגעשפּאַרטקייט פון ה. לייוויקס טעמאַטיק — — — — — — 12
ל. לענעמאַן — אַ וואָרט פון צער — — — — — 15
פּ. שראַגער — אין געראַנגל מיטן פּיין און עלנט פון דער וועלט 17
מ. וואַלדמאַן — אונדזער מורה דרך — — — — — 28
מאַנעס שפּערבער — דער דיכטער פון זיין פאָלק — — — 38
י. פּוגאַטש — מיטן צער פון דער וועלט — — — — 40
ב. שלעווין — לייִדיק איז געבליבן דאָס אָרט — — — 45
ש. שווייצער — דאָס געוויסן פון אונדזער דור — — 52
באָרווין פרענקעל — מיט דער לאַסט פון שולדיקייט — — 54
יעקב גלאַטשטיין — אונדזער מאַיעסטעט — — — — 56
מלך ראַוויטש — דיכטער נייע, זעלטענע — — — — 60
א. גלאַנץ-לעיעלעס — וועגן און אַרום ה. לייוויקן — — 63
י. לעפּטווויטש — אין דער זעלבער צייט — — — — 69

פון ה. לייוויקס וואָרט־ירושה

ערגעץ ווייט — — — — — — — — — — 75
זייט געזונט — — — — — — — — — — 76
די נאַרע איז קורץ — — — — — — — — — 77
אייביק — — — — — — — — — — — 78
יידיש — — — — — — — — — — — 80
און אַ יינגעלע וועט זיי פירן — — — — — — — 81
צום אייביקן — — — — — — — — — — 82
צוויי זילבערנע בעכער — — — — — — — — 83
צו ישראל — — — — — — — — — — 85
אויפן הר הכרמל רוקן — — — — — — — — 87
מיין תפילה — — — — — — — — — — 89
אין דעם טאָג — — — — — — — — — — 90
שטערן — — — — — — — — — — — 91
דער ייד — דער יחיד — — — — — — — — 93
דער יידישער שרייבער און דער יידישער לערער — — 112
א. ג. — וויכטיקע דאַטעס אין לעבן פון ה. לייוויק — — 123

מיניאַטור־ביבליאָטעק

דערשינען

1 — אברהם ווייץ — „דער קאַרשנבוים״ — נאָוועלן
2 — מנוחה ראַם — „ווייטער פון מראַקט״ — דערציילונג
3 — ל. דאָמאַנקעוויטש — „צעשאָטענע קערנער״ — עסייען
4 — פערל האלטער — „יונגע טעג״ — לידער
5 — באָרווין פרענקעל — „מיט יידישע קינסטלער״
6 — צום אָנדענק פון ה. לייוויק — זאַמלבוך

בקרוב דערשיינט

מיכאל באָרוויטש — „מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער״
דערציילונגען

מ. וואַלדמאַן — „פּאַרצייכענונגען״ —
וועגן יידישע שרייבער

*

אויסגאַבעס פון קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך :

1 — קינדער־אַרבעטן וועגן שלום־עליכמען
2 — צוויי דובנאָוו־קאַרטלעך
3 — אַ דובנאָוו־פּאָרטרעט
4 — הונדערט יאָר דובנאָוו — ביאָגראַפיע און עסיי
5 — מאָריס ראָזענפעלד — זאַמלהעפט
6 — ה. לייוויק — פּאָרטרעט, און פּאָסט־קאַרטל

מ
ב

8-7